STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05220

KUNST-RING ALMANAKH

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-05220-5

D:\YIDDISH\TITLES\9780657052201T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

איבערדרוקן, אדער איבערזעצן אן דער ערלויבניש פון די מחברים איז שטרייננ פארבאטן.

געדרוקט אין דער „עבר״ דרוקעריי בערלין

קונסט־רינג אלמאנאך

רעדאקטירט פון

ק׳ זינגמאן

ערשטעס בוך

צווייטע אויפלאגע

אינהאלט:

1 פארווארט.
2 יונה ראזענפעלד. אויף מיין אכסניה.
3 א. י. גראדזענסקי.—הארבסט.
4 נח גארעליק.—איינזאמקייט.
5 מארק האכבערג.—מלכה'לע.
6 א. איזגור.—מיין ליד.
7 משה טייטש.—אין זונען-ראד.
8 ד. טשארני.—אין דער שווייץ.
9 בעל מחשבות.—טאג-בוך בלעטער:
א) א שרפה אויך א צייט פערטרייב.
ב) די גרימאסען פון קריעג.
10 מ. בראדערזאן.—פראסט-בלומען.
11 ק. זינגמאן.—אין דער ליטא.
12 „ די פרוי אין שווארצען.
13 א. גראדזענסקי.—דאס בלינדע אינגעל.
14 מ. בראדערזאן.—ליבע פסוקים (טאנקעס).
15 לייב ניידוס.—אסאנעט.
16 חנה לעווין.—חברים.
17 האנעלע.—מיין אדלער.
18 „ ***
19 נ. גארעליק.—גליק.
20 מ. פעקער.—ס'הארץ.
21 ב. בלאך.—לידער.
22 לינצעאוס.—געדאנקען וועגען אידישען טעאטער.
23 ז. מאן.—אברהם רייזין.
24 קריטיקוס.—אגרוס פון אמעריקא.
25 ביבליאגראפישע נאטיצען.
26 קינסטלערישע רעפראדוקציעס:
מארק שאגאל, ליסיצקי, יוסף טשייקאוו און פולינא חן—טובה.

יונה ראָזענפעלד

אויף מיין אכסניה.

דערצעהלט פון א וואיאושאך

— אט דאס מיידעל פאָהרט אויך קיין ר. האָט דער בעל-עגלה געזאגט אנווייזענדיג מיר מיטן שטעקעל פון דער בייטש אויף א הויך, שלאנק מיידעל וואס איז ניט ווייט פון אונז אויפן פעראָן געשטאנען און געקוקט אויף אונז.

דאס מיידעל האט מיר ווי יעדער מיידעל, ווען ס'געפעלט מיר אויסגעזעהען ווי בעקאנט צו זיין און איך האב מיך ווי דער שטייגער מיינער, ווען אמיידעל געפעלט מיר, צושמייכעלט צו איר.

איך האב געקוקט אויף איר און זי האט מיר טאקי אויף אנ'אמת אויסגעזעהן ווי בעקאנט צו זיין... בעקאנטע שטריכען און וואלט זי ניט געשטאנען אזוי אומעטיג ווי עס שטעהען אפט דאמען אדער מיידלאך ווען זיי פיהלען אויף זיך אויגען פון א פרעמדען אומבעקאנטען מאנספערזאן ווילענדיג מיט דעם ניט געבען יענעם א צוטריט צו זיך, וואלט איך צוגעגאנגען צו איר, איך וואלט צוגעגאנגען און געזאגט: „פריילין איר זענט מיר אזוי בעקאנט!" דאס זעלבע געזאגט וואס קען זאגן איינער צו איינע ווען זי וואלט אים אפילו ניט בעקאנט געווען...

דער בעל-עגלה האט אוועקגעטאסקעט מיינע פעק מיט איר פעקעלע און מיר ביידע זענען געבליבען שטעהן אויפן פעראן. מיר האבען נאך צייט געהאט וויל דער בעל-עגלה האט נאך געזוכט פארשוינען און די באהן איז נאך געשטאנען און כל זמן די באהן מיט וועלכער דו ביזט געקומען צופאהרען שטעהט, וועט דער בעל-עגלה זיך ניט רירען פונם ארט.

אומגעריכט איז זי צוגעגאנגען צו מיר און מיט א שמייכעלע געפרעגט:

— איר דערקענט מיך ניט?

— אך צום טייוועל! פעסעלע! דאס זענט איר? פון וואנעט פאהרט איר?

זי האט מיר אנגערופען די שטאט.

זיינען מיר הייסט עס אנאכט געפאהרען צוזאמען, אין איין באהן, ווען איך וויים!

— יאָ איך פאָהר אהיים — האָט זי אומעטיג געזאָגט — איך האָב בעקומען זעהר אַטרויעריגען בריעף פון טאַטען — די מאַמע איז שטאַרק שלאַף.

— אָ דערפאַר זענט איר אַזוי אומעטיג איר זענט שוין לאַנג פון דער היים ?

— איך בין שוין אַנדערהאַלבען יאָר פון דערהיים... איר זענט בײַ אונז די גאַנצע צײַט ניט געווען !

— אײן מאָל... דאָס איז געווען ניט לאַנג נאָך אײַער אָפּפאָהרען... די עלטערן אײַערע האָבן אײַך פערקלאָגט פאַר מיר וואָס איר האָט זײ אַוועק־געוואָרפען... מיר איז אַזוי אומעטיג געווען מיטן אַלטען פאָר־פאָלק... בײַ אײַך איז דאָך אַמאָל אַזוי פרעהליך געווען !...

— איר ווײסט — האָט זי היציג אויסגעריפען — דעם ערגסטען חלק כאַפּט אַלע מאָל אויס די מיזינקע... יאָ דאָס ערגסטע איז אַמיזינקע צו זײַן... מענשען אויף דער עלטער ווערען אַזוי עגאָאיסטיש... זײ וואָלטען געוואָלט מ'זאָל מיט זײ זיצען טאָג און נאַכט און זיך ניאַנטשען מיט זײ... ווען עלטערן זענען יונג לעבען זײ פאַר די קינדער, דער נאָך ווען זײ ווערען אַלט וואָלטען זײ געוואָלט די קינדער זאָלען לעבען פאַר זײ און דער פאַר בין איך אַוועק געפאָהרען...

— גאַנץ ריכטיג ! — האָב איך געזאָגט קוקענדיג איר טיעף אין די גרויסע מײדעלש קלוגע, מײדעלש ערינסטע אויגען. און ניט געגלײבט האָט זיך מיר אַז דאָס איז דאָס זעלבע מײדעל מיט וועלכער איך האָב ערשט צוריק מיט צוויי יאָר אַזוי חוזק'דיג אַנ'אָוענט פערבראַכט, געשפּילט אַ לינ־ווישע ראָליע פון אַפערליבטען... האָב זי גענאַרט אָהן שום נוצען פאַר מיר, אַט גלאַט אַזוי זיך... אומבעוואוסטזיניג געמײנט אַז איך דאַרף עס און מוז עס... ווײל זי איז אַ מײדעל און איך בין אַ בחור... ווײל איך בין אין פערשידענע צײַטען אין אַ גאַנצער רײה יאָרען, ווען איך בין געקומען, פערבראַכט מיט אירע פיער שוועסטער... געדענקט זי יענעם אָוענט? געדענקט זי ווי איך האָב מיר געהײסען וואַרפען קאָרטען און האָב מיך שטאַרק גע־ערגערט ווען געבען דער דאַמע פּיק (דאָס איז זי געווען) האָבן זיך, פון בײדע זײַטען, אַוועקגעלײגט צוויי וואַלעטן... ווײסט זי שוין אויב זי געדענקט עס, אַז איך האָב פון איר פּשוט חוזק געמאַכט?

דער באַהן איז אָפּגעשטאַנען זייַנע צעהן מינוט און איז אַוועקגעגאַנגען מיטשלעפּענדיג מיט זיך יענע פּאַסאַזשירען מיט וועלכע איך בין אַהער געקומען און מיט זיי דאָס קאָרעקטע צניעות׳דיג דאַמעלע מיטן זויג קינד אויף די האַנט וואָס איז אַלע מאָל, ווען דאָס קינד האָט אָנגעהויבען וויינען ערגעץ פאַרשוואונדען געוואָרען און געקומען צוריק מיט אַ שווייַגענדיג קינד...

אויפן פעראָן איז געוואָרען שטיל און אומעטיג. צוזאַמען, מיטן אַוועק געהענדיגען צוג איז אויך פאַרשוואונדען די עטליכע מענשען וואָס האָבן זיך דאָ אַרומגעדרעהט, אַרומגעדרעהט זיך ווי היימישע און ניט געבליבען ווי פּרעמדע — צווישען זיי דער נאַטשאַלניק פון דער סטאַנציע מיטן רויטן פאַר־וויקעלטען פּעהנדעל אין האַנט. אין דעם צווישען־רוים פון איין פּלאַטפאָרמע צו דער צווייטער, וואו דער באַהן איז נאָר וואָס געשטאַנען, און אַזאַ אָנגע־וועהען אָרט פאַרנומען האָט זיך געשפּירט אַנאַגענדע אומעטיגע פּוסטקייט.

ס׳איז געפאַלען אַ געדיכטע דריבנע שנייעלע ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס איז שוין געווען ענדע מאַרט. וואו ניט וואו האָט זיך די שוואַרצע ערד מיט ווייסע פלעקען בעדעקט. דער הימעל איז געווען איבערגעצויגען מיט אַטונקעל־בלויען וואָלקען, האָט אויסגעזעהען ברוגז׳דיג פאַרצאַרענט.

מיין בעקאַנטע איז געווען זעהר לייכט אָנגעטון, כמעט זומערדיג: אַ לאַנגע טונקעל בלויע מאַלטאָ מיט קליינע פאַרשניטענע פאַלטען וואָס מ׳האָט ניקענט טראָגען אין אַ קיהלען זומערדיגען אָווענד. אויפן קאָפּ אַ קליין שוואַרץ געוועבטען היטעל „אַטיראָלקע״ העגליך אויף יענע וואָס גימנאַזיסטקעס טראָגען. דאָס דינע געטאָקטע העלדזעל איז געווען אָפן ווי זי וואָלט זיך ערשט פון שטוב אַרויסגעכאַפּט.

— איר פאָהרט גאַנץ־זומערדיג — האָב איך געזאָגט — איר וועט פאַר־פרוירען ווערען אויפן וועג.

— אז איך בין אַרויסגעפאָהרען איז מעהר ווארעם געווען איך האָב אפילו ניט מיט גענומען די זאַכען מיינע... איך מיין אפשר נאַרט מען מיר אָפּ.. כאָטש איצט גלויב איך שוין אז ס׳איז אמת, וויַיל דאָס האַרץ איז מיר אַזוי שווער!... איך האָב אפילו מורא צו פרעגען ביים בעל־עגלה... ער האָט מיר נאָר ניט גע־זאָגט... איז אָבער ס׳איז גאָרניט אָבער ס׳איז שוין דאָרטען עפּעס אַזעלכעס וואָס ער קען מיר ניט זאָגען...

— איך גלייב אז ס'איז גאָרניט — האָב איך זי געוואָלט בערוהיגן — אייערע עלטערן האָבן זיך פשוט פערבענקט נאָך אייך... האָט מען אייך מסתמא ניט איינמאָל געשריבען איר זאָלט אהיים קומען... נאָר וואָס שטעהען מיר דאָ אין דער קעלט לאָמיר אריינגעהן אין וואָקזאַל... אייך מוז דאָך זיין רעכט קאַלט

געהענדיג האָט זי געזאָגט מיט אַ צירענדער שטים:

— איר וועט פאָרפאָהרען צו אונז יאָ?... וואָס ביי אונז זאָל ניט זיין בעט איך אייך צו אונז פאָרפאָהרען ווייל טאָמער איז טאַקע די מאַמע מיינע שלאָף וועל איך אויסגעהן פון אומעט און שרעק...

עפּעס האָט זי מיך שוין צו איינפאַך, צו לייכט פערבעטן צו זיך און מיר איז איינגעפאַלען: „האָט זי שוין ניט עמעצען?" ווייל אַזוי אָהן צערעמאָניעדיג קענען רעדען נאָר אַזעלכע מיידלאַך וואָס האָבן שוין עמיצען און דער פאָר זיינען זיי פראָסט און איינפאַך די אַלע איבעריגע וואָס אינטערעסירט זיי ניט... מיט אַזעלכע קלערען זיי ניט איבער וואָס צורייערען און זאָגען גלייך דאָס וואָס זיי ווילען זאָגען און טוהען, ניט איבערטראַכטענדיג, דאָס וואָס זיי ווילט זיך טון... איך האָב מיך מיטגעדרונגען מיט איר לאַגע און דאָך האָב איך מיך עפּעס בעלייידיגט געפיהלט... איך האָב געזאָגט:

— איך האָב גאָר אַנדערש ניט געקלערט... איך וועל זעהר צופרידען זיין ווען איך וועל אייך מיט עפּעס קענען נוצליך זיין נאָר איך גלייב אַז ביי אייך אין דער היים איז אַלס אין אָרדענונג ...

ס'איז געווען אַליגען איך האָב ניט געגלייבט און ניט געמיינט האָב איך אַזוי איר טובה ווי מיינע... איך האָב עפּעס געוואָלט ריידען מיט איר, געוואָלט רעדען דאָס וואָס איך רעד אַלע מאָל מיט אַ מיידעל וואָס געפעלט מיר נאָר געה רעד אַז זי איז אַזוי צוטראָגען און פערצוגט.

מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון יענער זייט וואָקזאַל וואו ס'איז שוין געשטאַנען גרייט די פיהר און דער בעל-עגלה האָט אַריין געלייגט די פערד די צוימלאַך אין די מיילער אריין. דאָ פון דער זייט וואקזאל איז פיעל קעלטער געווען ווי פון יענער זייט. דאָ האָט גלייך אויף אונז געבלאָזען אַ קאַלט צפון'דיג ווינטעל די בוימער פונם שיטערן ערטער-וואו אויסגעהאַקטען וועלדעל וואָס האָט זיך געפונען עטליכע קלאַפטער ווייט פון אונז האָט הערבסטיג גערוישט און געשפירט האָט זיך אַרום און אַרום אַ שרעקליכער אומעט יענער אומעט

וואָס מ׳קען שפּירען נאָר דעמאָלט ווען עס קומט נאָך עטליכע וואַרעמע בּמעט פריהלינגס-טעג אַזאַ פאַרענדערונג אין דער נאַטור, עס האָט זיך געדאַכט אַז אַלעס, די ערד, די בּוימער, דער הימעל, זענען געווען בּרוגז צוריסען איינס מיט דאָס אַנדערע און יעדעס בּעזונדער פיהלט זיך עפּעס אַזוי נאַריש און מיאוס אָפּגענאַרט.

— ס׳וועט ווינטער! האָט מיין שעהנע בּעקאַנטע געזאָגט מיט טרויעריגע אויגען און אַנ׳אומבּעשטימטער ריכטונג.

— ס׳זעהט אויס האָב איך אַ צופריעדענער אונטערגעכאַפּט. איך בּין געווען צופרידען פון וואָס זי האָט ניט גערעט אָבּי ניט פון איר קראַנקער מאַמען...

— צוריק צום וואָקזאַל וועל׳ן מיר שוין פאָהרען מיט אַ שליטען — האָט דער בּעל-עגלה פון זיין זייט בּעמערקט צונויפגעהמענדיג פון דער ערד דאָס בּיסעל היי וואָס איז געלעגען בּיי די פעריד אונטער די פיס.

יאָ, מ׳האָט עס געקענט גלויבּען, דאָרטען ווייטער פון וואָקזאַל איז שוין די ערד איינגאַנצען ווייס געווען נאָר דאָ וואו מ׳איז געגאַנגען און געפאָהרען איז געווען בּלאָטיג.

איך האָב געהאָלפען מיין בּעקאַנטער אַרויפקריכען אויפ׳ן וואָגען. גלייך האָב איך זאָך דאָרט אַוועק געזעצט נעבּען איר און געזאָגט צום בּעל עגלה:

— הערט אפשר האָט איר עפּעס בּיי זיך אַיזאַ־עמס אָנצוטון?

ניין, ער האָט נאָר ניט נאָר אַזעקל האָבער האָט ער און האָט עס אָנגעהויבּען אַרויס צו שלעפּען פון הינטער זיין בּרייטענדיגען געזעס, האָט ער פערשטאַנען ווער ס׳בּעדאַרף עס און האָט עס גלייך אַרויס געוואָרפען מיין בּעגלייטערן אויף די פיס זאָגענדיג דער בּיי:

— אין די פיס וועט אייך שוין קאַלט ניט זיין, האָבער וואַרעמט זעהר גוט.

זי האָט אויף מיר אַ דאַנקבּאַרען קוק געוואָרפען, דער קוק. איז מיר ווי אַזוי אַרעם ליבּמיגער שטראַהל מיעף און האַרצען אַריינגעפאַלען, האָט מיך עפּעס אויפגעמונטערט, אויפגעפרישט פון וואָס איך האָב מיך אויף אַ צעהנדליג יאָרען יונגער דערפיהלט... איך האָב געטראַכט: וואָס הייסט עס? דאָס זעלבּע מיידעל... פאַר וואָס זשע האָב איך דעמאָלט ניט געפיהלט צו איר דאָס וואָס איך פיהל איצט!... ווער האָט זיך דאָ געענדערט איך צו זי!...

וואָס האָט איר דעמאָלט אזעלכעס געפעהלט וואָס האָט מיך אָפּגעשטויסען פון איר און וואָס איז איר איצט אזעלכעס צוגעקומען וואָס פערכאַפּט דעם אָטעם מײַנעם, אמת זי איז רײַפער געוואָרען. . . נאָר זי איז דאָך שוין דעמאָלט קײַן קינד ניט געווען ... נײַן דאָ איז עפּעס פאָרגעקומען א אינערליכע ענדערונג... אירע אויגען... די זעלבע אויגען און דאָך אַנדערע ... אנ׳אַנדער בליק וואָס איז מיר אינגאַנצען פרעמד און אומבעקאַנט... אַפּאָר אויגען וואָס דער׳צעהלן דיר וועגען אַגרויסען טיעף מײדעלשען אינהאַלט... ווײַבליך קלוגע אויגע וואָס פערשטעהט אַלעס מיט איר ווײַבליכן אינסטינקט... און דער מאָהנט האָט די דאָר מײדעלע מיר, אַבלום , אַיונג בלימעלע וואָס א טאָג לעבען איז א גאַנצע עפּאָכע, אנ׳איבערגאַנג פון אײן פארב צו א צווײטער און וואָס הויבט אָן צו שמעקען דעמאָלט ווען זי ווערט אינגאַנצען רײף, ווען זי בעקומט די אמת׳ע פאַרב אירע, יאָ דאָס איז געווען אײנע פון יענע בלומען. . . זי איז שוין דעמאָלט שעהן געווען נאָר האָט נאָך ניט געהאַט דעם ווײַבליכען רייץ, אניט פאַרטיג רוי בלימעלע . . .

דער וואָקזאַל איז שוין ווײַט געבליבען פון הינטען. פון פאָרענט שטי-קער וואַלד, שטיקער פעלד ערטער וויִז דורכגעשניטען מיט לאַנגע טיעפע שווארצע פאַסען. ס׳איז געווען הערבסטיג שטיל הערבסטיג אומעטיג און ווינ-טערדיג-ווײס. פון צײַט צו צײַט האָט אַפײגעל די לופט אדורך געשניטען וואָס האָט זיך רעלעף אויסגעטײַהלט מיט זײַן שוואַרצקײַט צווישען גרויען הימעל און ווײַסער ערד.

איך בין געזעסען האַרט נעבן איר ... איך האָב געפיהלט די וואַרעמ-קײַט פון איר קערפער. . . אַזיסע גן עדן וואַרעמקײַט וואָס האט מיך גערייצט און שווער און שווער די געדאַנקען געמאַכט. . מיר האָט זיך געגלוסט עפּעס איר זאָגען . . . זאָגען עפּעס וואַרעמס און קלוגס נאָר די איז געווען אַזוי טרויעריג פערטראַכט אז איך האָב דער צו קיין מיטה ניט געהאַט.. מיר האָט זיך זעהר געוואָלט וויסען צו זי האָט מיך טאַקע ליעב געהאַט צו ניט?... אפשראיז דאָס אויך פון איר זײט עפּעס אַמין שפּיעל געווען און ניט מעהר... און אפשר טאַקי יאַ... דעמאָלט ווען זי איז נאָך אַזוי יונג גע-ווען און האָט נאָך ניט געקענט זיך פינאַנדער נעהמען אין אירע געפיהלען... אָבער איצט?. . . אפשר פערשטעהט זי שוין אַז איך האָב דעמאָלט פון איר חוזק געמאַכט און זי האַסט מיך דערפאַר און אפשר האָט זי מיך איצט אויך

ליעב נאָר ווייל זי איז עלטער און קלוגער געוואָרען וועט זי עס מיר ניט זאָגען.

— הערט! — האָט זי פּלוצים געזאָגט — מיר איז פּשוט שרעקליך וואס ער (האָט אָנגעוויזן אויפן בעל-עגלה) שווייגט אַזוי. . . ער האָט תמיד ליעב צו רעדן מיט זיינע פּאַרשיינען איצט שווייגט ער . . . ווער ווייס וואָס דאַרטען אינדערהיים טוט זיך. . .

איך האָב מיך געפּרופט זי בערוהיגען נאָר זי האָט זיך ניט אונטער געגעבן!

— איר זעהט ניט ווי ער מאַכט זיך ניט הערענדיג וואָס מיר ריידען דאָ!...

— ניין ער הערט פּשוט ניט; איר זעהט ניט די אויערן זענען ביי איהם מיטן באַשליק פערשטעלט... איך בין זיכער אַז ביי אייך אין דער היים איז אַלס אין דער בעסטער אָרדענונג... אויב איר ווילט קען איך אים פרעגען?...

זי האָט אַזש אָנגעהויבן צו צאַפּלען האָט מיך אַזש ביי די הענט געכאַפּט:

— ניין, ניין, איך בעט אייך פרעגט אים גאָר ניט... איר זעהט ניט ווי ער שמייסט די פערד... ער פאָהרט קיינמאָל ניט אַזוי גיך...

מיר איז אין דעם מאָמענט איינגעפאַלען איר צופרעגען צו איך האָב זיך עפּעס געענדערט פאַר דער צייט? נאָר איך האָב מיך אָפּגעהאַלטען... עפּעס טער מיט אַווילע האָב איך געטראַכט: מ'דאַרף אויסנוצען די צייט... אויב דאַרטען האָט טאַקי געטראָפען אַזעלכעס פאַר וואָס זי, פעסעלע, ציטערט אַזוי וועט זיין פערפאַלען... וועל איך איר אין אַזאַ צושטאַנד גאָר ניט קענען זאָגען און איך וועל אוועק-פאָהרען מיט גאָר ניט... יאָ מ'בעדאַרף איר זאָגען אַז איך בין אין איר פערליעבט און איר פרעגען ווי האַלט עס ביי איר... אויב ס'האַלט ביי איר אַזוי ווי ביי מיר איז זי — מיינע און איך — אירע

אנטקעגען איז אנגעפאָהרען אַפוהר, אַפוהר מיט יודען, איינגעקוטעטע און איינגעהילטע אין שעפּסענע טולופּעס מיט הויכע אויפגעשטעלטע קעלנער ווי ווענט און פערבונדענע מיט אַלטע שאַלען. פעסעלע האָט זיך שטייף איינגעקוקט אין די יודען האָט זיך אויסגעבויגען ווייט זי האָט געקענט, האָט קענטיג געוואָלט מ'זאָל זי דערקענען און מ'זאָל איר עפּעס זאָגען נאָר די יודען האָבען געקוקט אויף איר אומעטיג און ערנסט, האָבן זיך געמאַכט אַז זיי דערקענען זי ניט און ווען זיי זענען אָפּגעפאָהרען אַשטיקעל וועג האָט איינער צום אַנדערן עפּעס אַזאַ געטון און אַ צווייטער האָט אַ אויסקוק געטון...

מיר זענען אריינגעפאָהרען אין שטעטיל אריין אָדער בעסער געזאָגט — אריינגעפאָהרען אין אבלאָטע אריין ... טונקלע שטיבער, אומעטיג גלאָזיגע פענסטער, נאַסע שוואַרצע דעכער און צווייקבע קימענעס ... וואו זיט וואו זענען אויף דער שוואַרצער בלאָטע ווייסע שני-פלעקען געליגען און דאָ האָט נאָך מעהר אומעט צוגעגעבען. . . ס'איז געווען אַזוי אומעטיג ווי דעם שטעטיל וואָלטען אַפאָר צעהנדליג מתים אבעווך געמאַכט ... אַראָפּגעריסען פון זיך די תכריכים און ניט געבליבען . . .

נאָך פון וויטענס, איידער מיר זאגען צו פעסיל'ס שטוב צוגעפאָהרען האָב איך דערזעהן ווי צוויי בשוואַקסענע יודען שטעהען אינדרויסען און שנייען ברעטלאַך. . .

. . . .

אויף מאָרגען פאַר נאַכט בין איך אָפּ געפאָהרען. מיט אַקלעמענדיג הארץ מיט אַטיעף וועהטאָג'דיגער בענקשאַפט בין איך פאָרן פאָהרען געשטאַנען אין די שטוב בעטראַכט ... ווי לאַנג איז דאָ אזוי פרעהליך געווען... ווי לאַנג ערשט האָט דאָ יעדעס ווינקעלע געהילכט און געקלונגען . . איך האב די שטוב דערקענט אין סאמע פריהלינג... ווען די פערשטאָרבענע און פערשטאָרבענעס טאַן זענען נאָך יונג און פרוכטבאַר געווען... און די מיידאַלאַך... אפיצעלע... אַגרעסיע, אַנ'עלטערע, אַטיידעלע... איינע שעהנער איינע מיאוס'ער נאָר אַלע יונג! לעבעדיג און קוויטשענדיג שפרינגענדיג און טאַנצענדיג וואו זענען זיי איצט?... און וואו איז שוין יענע גליהענדיגע יודענע אָדער כמעט ווייבעל וואָס איך האָב נאָך דערקענט וואָס האָט אַזוי מילד מיט מיידלאַך געשאָטען ... אפיסטער אומעט האָט זיך אין דער שטוב צולייגט, עס האָט געשמעקט מיט אלטקייט און טויט... עס האָט דאָרטען געשמעקט האָט וואָס ס'שמעקט פון אַפּאַראַטען ביים מיט אגרויסען איבערגעפוילטען לאָך ...

צום לעצטען מאָל האָב איך די שטוב בעטראַכט און געקוקט האָב איך אויפ'ן פאָרל וואס איז איינס נעבן דאס אנדערע שבעה געזעסען... איך האב רחמנות געהאַט אויפ'ן אַלטען... ווער ווייס האָב איך געטראַכט אפשר וועסט שוין דאָ אויך ניט זיין ווען איך וויל דאָ אַצווייט מאָל זיין... און זי פעסעלע?... איך האָב איר אַזוי פיל געהאַט צו זאָגען... איך בין געשטאַנען פאַר'ן אַיועקפאָהרען און געקוקט אויף איהר זי האָט אויך פון צייט צו צייט אויף מיר אַקוק געוואָרפען און דער אַלטער איז געזעסען האָט אין אויג אַריינגעקוקט

און די ברילן האבן אזוי אומעטיג געגלאנצט איף זיין נאז ...

איך בין שטום שווייגענדיג געשטאנען אנטקעגען, זיי האבן דעם לעצטע „זיי געזונט" געוואלט זאגען נאר געוואוסט אז איך בעדארף עס זיי ניט זאגען אז זיי מאהרן ניט ענפערן... האב איך כאטש געוואלט איר האנט דריקען, נאר דאס איז נאך שווערער אוממעגליבער געווען ... נאך א מינוט נאך אייליע איך קען זיך פון איר ניט אפ רייסען איך קען ניט אויעק פיהרן ניט געזעגענט... עפעס טוט מיר באנג, און איר.. כ'ווייס ניט וואס צו זי אליין צו זי כיט דער גאנצער שטוב... עס ווילט זיך זאגען אפאר ווארעמע ווערטער ... איך וויל זאגען אז איך האב זי ליעב אפילו האט זי מיך אויך ליעב .

זי איז מיך געגאנגען בעגלייטען פאמעליכקע און שטיל מיט דריבנע שטילע שווארצע טריטאלאך, און איך האב זיך נאכגעבלאנקעט נאך איר און ט שטעהען מיר שוין ביי דער טיר... זי האט מיר טיעף פערקוקט אין די אויגען איך איר... איך עפען פאמעליכקע די טיר האלט זי אוויילינקע אפען... דער לעצטער מאמענט... איך קוק אויף איר טרויעריג געזיכט, אויף די קליינע פיסלאך און די זאקען...

— פעסעלע, פערמאכט די טיר, איר וועט זיך נאך חלילה צו קיהלען— מעהר האב איך גאר ניט גיקענט זאגען .

יונה רזונבלומ

א. י. גראדזענסקי.

האַרבסט.

א.

ס׳האָט זיך דער האַרבסט מיט׳ן זומער בעגעגענט—
און זיך געזעגענט;
פערשטאַנען האָט זומער: זיין צייט איז פערגאַנגען,
דאַן האָט זיך דער הימעל מיט וואָלקענס בעהאַנגען
און זיך צערעגענט...

ס׳זיינען געשטאָרבען די יונגינגע ראָזען—
שטום און פערלאָזען;
אַזוי ווי די טענער פון איינזאַמע קלאַנגען,
אַזוי ווי פריהצייטיגע מיידעל־פערלאַנגען—
אַ ווינד האָט געבלאָזען...

דעם זומערס טויט.

ב.

הערסטו, קינד מיינס, תהילים זינגען?
הערסט צדקה־פושקעס קלינגען?
יאָ, דאָס איז געשטאָרבען ווער—
איז דאָס איצטער זיין לויה...

און דער טראַפּען—וואָס געפאַלען?
יאָ, דאָס איז דעם הימעלס טרער...
צוגעדעקט מיט געלע קראַנצען איז דער אָרון,
פול מיט צאָרען—
זיינע וואָלקענס
און די ווינטען פאַר איהם טאַנצען
דעם חברים-טאַנץ,
און די ביימער שטיל זיך נויגען,
שטום בעגלייטען איהם פון הינטען,
שאָקלען: ברוך דין אמת!...

און אין ווינקלען, אָן אַ זייט
שטעלען אָב זיך, פרעגען לייט,
פרעגט דאָרט עמיץ:
ווער געשטאָרבען? וואָס געווען ער?
און זיי געהען אַ פּאָר טריט,
געהען מיט'ן עולם מיט—
גיבען אָפּ דעם לעצטען כבוד...

הערסט דאָרט עמיצען בעקלאָגען?
„ס'איז געשטאָרבען היינט אַ גאון,
און אַ גרויסער גייסט אַ פרומער!
און געהייסען האָט ער זומער;

זיינע מעלות, אָ, איר ווייסט דאָך:
הימלען-העל מיט צניעות-פאַרבען,
פעלדער פול מיט שניטער-גאַרבען,
הערצער אָנגעפילט מיט גלויבען
און די וויין-גערטנער מיט טרויבען".
און געענדיגט האָט דער מספיד
און מען טוט דעם מת זיין רעכט,
און עס שיטען זאַמד די רידלאַך,—
ווערט אַבערגעל אויפ'ן קבר...

עמיק, הערסטו, זאָגט דאָרט קדיש
מיט אַ טרויעריגען נגון,
און די צווייגען שטום זיך וויגען,
און זיי שעפּצען ווי איין שטומער:
אַט אַזוי געשטאָרבען איז דער זומער!...

ג.

קינדער, קינדער נעמט די פלייטען,
קומט דעם זומער צו בעגלייטען,
אויף דעם וועג דעם שלאַנק־געדרייטען,
אויף דעם שליאַך דעם וויטען בּרייטען;
טרו—טרו—טרו,
טרו—טרו—טרו;—
צו זיין רוה!...

הערט איהר קלינגען דאָרטען שפּאָרען,—
ס'קומט דער קייזער האַרבסט צו פאָרען
אַ בעיאָהרענטער אין יאָהרען,
געל—ווי וואַקס, אַדורכגעפראָרען;
דין—דין—דין,
דין—דין—דין—
מיט די זין;—

קעלט און רעגען, וואָלקענס שאַרע,
ניט דערשרעקט זיך פאַר דער מראה,
נו זשע, קינדער, מאַכט אַ וואַרע,
אַזש ס'זאָל געהן פון דעם אַ פּאַרע;
אַי—אַי—אַי,
אַי—אַי—אַי;—
גוט אַזוי!...

ד.

פֿון שווינדזיכטיגען לאַנד
עס קומט דער האַרבסט צוגעהן
געהילט אין גלאַנץ
פֿון געלען קראַנץ;

ער האַלט אין האַנד אַ סערפּ—
אַ שניטער איז דער האַרבסט,—
ער שנייט:
די זאַנגען פֿול מיט זוימען,
די יוגענד פֿול מיט טרוימען,
די בלומען אויפֿ'ן פֿעלד—
די שיינקייט פֿון דער וועלט...

זיין אויסזעהען—אַ סקעלעט.
און וואו ער טרעט,
דאָרט ווערט געבעט
אַ מתים־בעט;
און וואו ער געהט,
דאָרט ווערט געזייט
די קערנער פֿון דעם טויט...

עס בוינען איין די קעפּ
די בוימער פֿאַר זיין פּראַכט
און ס'הילט דער האַרבסט זיך איין
אין געלען טרויער—קרעפּ...
דאַן הילכט זיין ווינטען־קול
אויף באַרג און טאָל:
דער זומער איז בעזיגט,
איך בין איצט אייער קעניג—
און זייט מיר אונטערטעניג!...

ה.

עס זינגען די ווינטען:
„מיר האָבען
דעם זומער בעגראָבען
אַ יונגען...

עס האָט זיין בלום
ניט דער בליט,
עס האָט נאָך זיין רום
ניט דערקלונגען,
זיין שיין — ניט דערגליט...

אָ, זעט, ווי עס גלאַנצען
מיט טויט־שיין די בלעטער,
און זעט ווי זיי טאַנצען
געטריבען פון ווינד, —
פאַר קיינעמ׳ס ניט זינד...

זיי האָבען געוויים ניט
די ליבסטע די קושען
נאָך ניט אויסגעקושט;
און ס׳לעשט שוין דער פייער,
נאָך ניט קיין דערהיצטער
מיט באַנגע פערדרוסען
ביי זיי אין דער ברוסט...

אַזוי שטאַרבען אַב יונג,
די מיידעלשע גלוסטען,
אַזוי וועלקען אַב פריה
די בחור׳שע לוסטען...

דאָס יובל'ט דער האַרבסט איצט
זיין גרויסען נצחון:
מיר האָבען די קראַפט
פון דעם זומער צוזאַמען...

1914

א. י. גראָדזענסקי.

נח גארעליק

איינזאמקייט.

אין מיטען ים, וואו שטאַרקער ברויזט דער שטורעם,
איז דאָ אַ אינזעל אויסגעהאַקט פון שטיין,
און אַף דעם אינזעל שטעהט אַ הויכער טורעם,
און אין דעם טורעם וואהן איך מיר אליין...

די וועלט האָט מיך, צי איך די וועלט פארלאזען.
אין טורעם זיין איך איינגעשפארט—פארשפארט
און בייענקענדיג צו בלומען און צו גראזען,
די ליפען מיינע— טרוקען און פארדארט...

נאר פון א קליינעם, דימענטענעם פענסטער
קוק איך צום ים, וואס שטורעמט טאָג און נאכט,
צו מיר דערגרייכט פון וועלט דער שאַרך דער קלענסטער
און עפעס וויינט אין מיר און עפעס לאכט...

נח גארעליק

מארק האכבערג.

מלכה׳לע.

(נאוועלע)

בעהאלטען אונטער דער ווייסער גארדינע, איז מלכה׳לע געזעסען ביים פענסטער, אנגעשפארט דעם שווארצען לאָקיגען קאָפּ אויף ביידע הענד און געשוויגען. די שטיפערישע אונגעהאָרזאַמע לאָקעלאך פליגען זיך אראָב׳גנב׳ענען אויף מלכה׳לעס אטלאסענעם שטערען און אריינקוקען אין די אויגען אריין, נאָר זיי האָבען נישט מעהר געזעהען די אמאָליגע ברוינע אויגען, וואָס האָבען שטענדיג געשטראַלט מיט מיידעלשער לעבענס-לוסט און בת-יחידה׳שער שטאָלצקייט. איצט זיינען דאָס געוועזען גרויסע, אומעטיגע און פערטראַכטע אויגען, און וועלכע עס איז געלעגען, ווי א פערגליווערטע פראַגע. זי האָט נישט מעהר מיט א שטאָלצער בעוועגונג פון א בת מלכה צוריקגעוואָרפען די האָר אויף זייער אָרט. גאנצע טעג פלעגט זי זיצען מיט די לאָקען איבער די אויגען כלומר׳שט ארויסקוקען דורכ׳ן פענסטער און שווייגען. און ארום אין שטוב איז אויך שטיל געווען. ווען די הויזמענשען פלעגען טיילמאָל ריידען צווישען זיך, האָבען זיי גערעדט שטיל, אזוי ווי אין שטוב וואָלט געווען א שווער-קראַנקער. נאָר די מאמע מלכה׳לעס האָט זיך א גאַנצען טאָג שטיל ארומגעדרעט איבער דער שטוב כלומר׳שט טוענדיג עפּעס. זי האָט אַלע ווייל׳ע אונרוהיג געקוקט אויף איר שוויַיגענדיגע טאָכטער און צומאָל אזוי ווי פאר זיך און צוגלייך אזוי, אז די טאָכטער זאָל הערען ברוגז׳ליך און שטיל גערעדט:

„ייאָס וועט ווערען פון זיצען און שווייגען... אין אַנ׳עת צרה דאַרף מען ריידען... מען דאַרף האָרכען טאַטע-מאַמע... מען דאַרף זוכען עצות... מען דאַרף קוקען א תכלית...״

און אַזוי איז עס געגאַנגען אַ גאַנצען טאָג מיט קליינע הפסקות. מלכה'־לע איז געזעסען און געשוויגען, נישט געענטפערט דער מאַמען און האָט טיילמאָל געטראַכט ביי זיך:

„צו וואָס רעדט די מאַמע... צו וואָס... איז רעדן ניט אַלץ איינס...”

און די מאַמע האָט גערעדט און גערעדט שטיל און אייניגטעניג, ווי אַן אָסיען־רעגען וואָס קלאַפּט אויפ'ן דאַך פון אַ ווערענדע.

„מאַמע, וואָס ווילסט דו פון מיר? וואָס פייניגסט דו מיר? מאַמע כ'וועל נישט אויסהאַלטען!...” האָט מלכה'לע טיילמאָל אויסגערעדט און איהרע אויגען פלעגען פלוצלונג פול ווערען מיט דיקע שווערע טרערען. די מאַמע פלעגט דאַן דערשראָקען אָבהאַקען און מורמלען פאַר זיך: „קוקט זי נאָר אָן, ווי בדייט דאָס שטעהט... מען טאָר גאָר קיין וואָרט נישט רייִרען...” און פלעגט דאַן אנטשוויגען ווערען.

נאָר אַז אַריה־לייב, איהר מאַן, פלעגט קומען פון זיינע געשעפטען אויף מיטאָג, פלעגט די מאַמע בעקומען מעהר מוט. זי האָט דאַן דרייסטער און העכער גערעדט צו מלכה'לען...

אַריה־לייב אַליין איז געווען בטבע אַ שווייגענדיגער מענש. ער האָט נישט גערעדט צו מלכה'לען קיין ביטערע רייד. ער איז געזעסען אויף דער קאַנאַפּע, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנד און האָט נור אַזוי טרויעריג מיט אַזאַ פאַרוואורף געקוקט אויף זיין טאָכטער. מלכה'לע איז געזעסען ביים פנים צום פענסטער, נור זי האָט געשפּירט דעם טאַטענס אויגען אויף זיך און ס'האָט זיך איר געוואָלט, דער טאַטע זאָל אויך בעסער שרייען אויף איר, נור נישט קוקען מיט אַזעלכע אויגען.

די מאַמע אָבער האָט זיך געקאָכט. זי האָט געשריגען אויף מלכה'לען און וועהענדיג אַריה־לייב'ן זיצען אַ שווייגענדיגען האָט זי געשריגען אויך אויף איהם:

„און דו אַריה־לייב, מישטיינס געזאָגט, האָסט זיך אָבגעלערענט פון דיין טאָכטער! וואָס זיצסטו דו און שווייגסט? וואָס פאַר אַ פעולה וועט זיין פון שווייגען? אַזוי אַרום וועלען מיר דאָך באַלד ווערען צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר לייטען!”

חנה האָט זיך צוגעבויגען צו אַריה־לייב'ן און עפּעס שטיל אים אַזאָג

געטהון אויפ׳ן אויער. אריה-לייב איז איפגעשפרונגען ווי אַנ׳אָבגעבריטער
„וואָס דערצעהלסט דו מיר דאָ, נאַרישע יודענע! שווייג, זינדיג נישט!“

און חנה האָט שלעכט געשמייכעלט: „קוק נאָר ווי ער קאָכט זיך. פאַר-וואָס האָסט דו זיך פריהער נישט געקאָכט, ווען ס׳איז נאָך צייט געוועזן? מעגסט זיך שוין קאָכען איצט... וואָס? הא? אַ שענעם נחת דערלעבט פון אונזער צימעריגער בת יהודה...׳

און אַרי׳ לייב איז געשטאַנען אַ בלאַסער מיט אַ פינסטער געוואָרען פּנים איבער זיין טאָכטער און געשעפּטשעט:
„מלכה׳לע מלכה׳לע, טאָכטער מיינע, וואָס האָסט דו מיר אָבגעטאָן...“

מלכה׳לע האָט כלומר׳שט אַרויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער און איין גע-דאַנק האָט זי געהאַט. פאַרוואָס שלאָגט איהר דער טאַטע נישט, פאַר וואָס שלאָגט איהר נישט דער טאַטע...

אין אַ פּאָר טעג אַרום, איינס אַ זייגער ביינאַכט האָט די מאַמע אינטער דעם שטר׳ענגסטען סוד געפיהרט מלכה׳לען אין שטאָדט.

דער שנעלצוג איז געלאָפען ווי אַ מע׳שוגע׳ווע אָרענע חיה אין דער פינסטערקייט פון דער נאַכט. ער האָט שווער געאָטעמט, געשפיגען מיט שטי-קער שוואַרצען רויך און גרויסע פונקען און טיילמאָל געשריגען מיט אַ ווילדען אויסגעצויגענעם פייף.

די מאַמע איז געלעגען אויף דער ווייכער באַנק, אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויף אַ קליין קישעלע און שטאַרק געחראָפּעט.

מלכה׳לע איז געזעסען געגענאיבער אָנגעשפּאַנט דעם קאָפּ אויף דער אויסגעבעטער וואַנד ביים פענסטערל. זי האָט זיך צוגעהערט צום שנע-לען קלאַפּען פון דער באַהן און געקוקט אין דעם פליהענדיגען דרויסען.

פון גרויס שנעלקייט, האָבען זיך די פונקען אויסגעצויגען אין לאַנג׳-ברענענדיגע שנורען, די באַהן איז געפלויגען צווישען פייער און עס האָט זיך געדוכט, אַז די באַהן פליהט אַזוי פון אייביג אָן און זי וועט קיין מאָל זיך נישט אָבשטעלען.

פון דעם געדאַנק איז מלכה׳לען געוועזן רוהיג און גוט.

די מאַמע פיהרט זי אין שטאָדט. צו וואָס? זי האָט עס נישט קלאָר

געוואוסט, ווייל מען האט איהר נישט געזאגט. פערשטאנען האט זי נור, אז עס האט א שייכות צו דעם, וואס היהרט זיך טיילמאל ביי איהר אונטער'ן הארצען און צו יאסעק'ן, וואס איז פלוצלונג אזוי גראב אזוי געטיין פער-שוואונדען געווארען . צו איז זי בעז געוועזן אויף איהם ? ניין , בעז איז זי נישט געוועזן. ס'איז איהר אלץ געווארען אזוי גלייכגילטיג . זי וואלט נור וועלען בעהאלטען דאס פנים אין א ווייסען קאלטען קישען און ליגען אזוי שטענדיג, קיינער זאל נישט שטערען און זי זאל נישט הערען דאס , וואס ריהרט זיך אין איהר טיילמאל. וואס וויל מען מיט איהר טאן אין שטאדט ? זי האט עס נישט געוואוסט, נאר אויף יעדען פאל האט זי פעסט צוגעדריקט דאס פלעשע-לע קארבאל, וואס איז געלעגען ביי איהר בעהאלטען אויף דער ברוסט.

אם מייסטען האט זי מורא געהאט דערפאר, די מאמע זאל נישט זוכען יאסעק'ן און זאל איהם נישט צווינגען חתונה צו האבען מיט איהר.

ביי יעדען געדאנקען וועגען יאסעק'ן האט זיך מלכה'לע געכאפט צום פלעשעל און איז געוועזן גרייט. נאר יעדעס מאל האט איהר א מאדנע ניי-געריגקייט צו זעהען וואס וועט ווייטער זיין אבגעהאלטען.

די רעדער פון דער באהן האבען רעגעלמעסיג און שנעל אויסגעקלאפט עפעס א שנעלע נאר אומעטיגע מעלאדיע . מלכה'לע האט זיך צוגעהערט צו דער מעלאדיע און עס האט זיך איהר צומאל געדוכט, אז זי איז נאך א קליין קינד און דאס וויגט איהר די מאמע איין.

אז מלכה'לע האט זיך אויפגעכאפט, איז מען שוין געוועזן ביי וו.

אנגעקומען אין וו., איז די מאמע פארפאהרען מיט מלכה'לען צו דער אקושערין ג., ביי וועלכער ס'איז שוין געוועזן אנגעגרייט פאר מלכה'לען א קליין ריין צימערל. כדי נישט צו מאכען קיין אויפזעהען ביי די שכנים , האט די מאמע געוואוינט אין א האטעל און מלכה'לע איז ביי דער אקושערין געוועזן אליין

מלכה'לע האט זיך דא גוט געפיהלט. שוין לאנג האט זי נישט געהאט די מעגליכקייט צו זיין אזוי אינגאנצען אליין. גאנצע טעג איז זי געזעסען אין א ווינקעלע, האט זיך צואייגלען לייכט געוויגט און געטראכט דערפון, אז שוין באלד וועט זי די אקושערין בעפרייען פון דעם, וואס האט צונישט געמאכט איהר לעבען. דאן וועט זי פערגעסען פון אלצדינג און אנהויבען דאס לעבען פון דאס ניי.

ס׳וואָלט מלכּה׳לען געווען דאָ אײַנגאַנצן גוט. די פרוי נ. איז געווען צו איהר אַזוי פרײַנדליך, ווי קיינער איז שוין לאַנג צו איהר נישט געווען ס׳האָט זיך מלכּה׳לען טײַלמאָל געדוכט, אז דאָס איז פרוי נ. איהר מוטער, נישט יענע יודענע, וואָס שרײַט שטענדיג אויף איהר און שילט זי. ווען פרוי נ. פלעגט בעטראַכטען מלכּה׳לען און טון עפּעס אַרום איהר, האָט זיך מלכּה־לען אָפט געוואָלט אַנידערלעגען דעם קאָפּ צו פרוי נ. אויף די קני און לאַנג און שטיל וויינען. זי האָט עס יעדאָך קיינמאָל נישט געטאָן.

פײַנליך איז מלכּה׳לען געווען נאָר דאַן, ווען מען פלעגט פרוי נ. רופען צו אַ פּאַציענט, מלכּה׳לע האָט נישט געוואוסט צוליב וואָס פלעגט דאַן ה׳ נ. עפּטערס אַרײַנקומען צו איר אין שטוב כּלומר׳שט נאָך עפּעס, פּערפיהרען מיט איהר אַ שמועס און בשעת מעשה קוקען אויף איהר אַזוי, אַז זי פלעגט רויט ווערען ביז׳ן האַלז אַריין.

איינמאָל בײַנאַכט, ווען מלכּה׳לע איז נאָר וואָס אַנטשלאָפען געוואָרען און ס׳האָט זיך איהר גע׳חלומ׳ט. אַז זי זיצט ביי איהר יאַסעק׳ן אויף די קניע, טוליעט זיך צו איהם אַזוי שטאַרק און ער קושט איהרע האָר, האָט זי זיך פּלוצלונג אויפגעוועקט פון אַ גערודער ביי דער טיר. מיט שרעק האָט זיך מלכּה׳לע אײַנגעקוקט אין דער פינסטערקייט און מיט אַ ציטעריג קול גע־פרעגט:

„ווער איז דאָרט ?״

„ששששאַ ...״, האָט געענטפערט דאָס שעפּטשענדיגע קול פון ה׳ נ. און ער איז נעענטער צוגעגאַנגען צום בעט.

„וואָס ווילט איהר דאָ ?״ האָט מלכּה׳לע געפרעגט, נאָך אַלץ נישט פערשטעהענדיג וואָס דאָ קומט פאָר. און ה׳ נ. האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר די נאַקעטע הענד און געשעפּטשעט:

„נאַרעלע, וואָס שאַדט, וואָס שאַדט אײַך... איצט איז דאָך אײַך אַלץ איינס...״

דאָס בלוט האָט זיך מלכּה׳לען געוואָרפען אין קאָפּ אַרײַן, מיט ביידע הענד האָט זי אָפּגעשטופּט דעם ה׳ נ. פון זיך, ווי אַ קאַץ אַרויסגעשפּרונגען פון בעט, אַרויסגעשטופּט דעם צוטומלטען ה׳ נ. פון שטוב און צוגעשלאָסען די טיר.

געבליבען ווידער אַליין אין צימער, איז מלכּה׳לע אין איין רגע אײַנגאַנ־

צען אַראָבגעפאַלען פון די כחות. זי איז אַנידערגעפאַלען אויפ'ן געלעגער און אָנגעהויבען ווילד צו וויינען. זי האָט פאַרגראָבען דעם קאָפּ אין די קי־שענס און געוויינט אַלץ שטאַרקער אַלץ ביטערער. אַלעס, וואָס איז מיט איהר די לעצטע פּאָר חדשים פאָרגעקומען האָט זי זיך איצט דערמאָנט און אַלעס איז איהר ערשט איצט אויף איינמאָל אינגאַנצען קלאָר געוואָרען. עס האָט זיך איהר געדוכט, אַז זי האָט פּלוצלינג דערזעהען דעם אמת פון לעבען און דער אמת איז אַזוי שמוציג, אַזוי נידערטרעכטיג. זי האָט זיך דערמאָנט יענע וואונ־דער־שענע פער'חלום'ט לבנה־נאַכט, ווען דער הימעל איז געווען ווי אַ שוואַרץ־סאַמעטענער פּרכת, אויסגעזעצט מיט בריליאַנטען. יאַסעק איז גע־שטאַנען פאַר איהר אויף די קני, געקושט איהרע ווייסע פינגער און אין גאַר־טען האָט אַ סאָלאָוועיטשיק זיך צושפּילט און צוזונגען. און וואָס האָט יאַסעק געראַפּט — דאָס זעלבע וואָס ה' נ., מלכה'לע האָט זיך געביסען די פינגער ביז בלוט, כדי נישט אויסצוברעכען אין ספּאַזמעס, וואָס האָבען זי געשטיקט. זי האָט זיך אינגאַנצען געטרייסעלט פאַר געוויין און היסטעריש געשעפּטשעט: „שמוץ... שמוץ.. אַלעס איז שמוץ.. אַלעס...” ביז פריה־מאָרגענס האָט מלכה'לע אַזוי אָפּגעוויינט ביז זי איז איינגעשלאָפען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, 4 אַזייגער נאָך מיטאָג, האָט מלכה'לע דער־שפּירט לייכטע וועהען אין זיך. די אַקושערין האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף דעם. און האָט באַלד געשיקט נאָך דער מאַטען. אין אַ שעה אַרום האָט מלכה'לע דערזעהען אין די הענד פון פרוי נ. אַ צופּריגעבוירען בעשעפּע־נישעל, קליין ווי אַ לאַלקעלע, וואָס האָט קוים געפּישטשעט ווי אַ קליין פּיי־געלע. דאָס איז געווען פאַר מלכה'לען גאַנץ אונערוואַרטעט, זי האָט געמיינט אַז ס'וועט גאָרנישט זיין קיין קינד, עס וועט גאָר נישט לעבען.

אַ שאַרפער רחמנות און ליבע צו דעם קליינעם בעשעפּענישעל מיט קליינע הענדטעלאך און פיסעלאך האָבען איהר ווי צוריסען דאָס האַרץ. „מאַמעשי, מאַמעלע, לאָז לעבען... מאַמוניו, לאָז עס לעבען...” האָט מלכה'לע וויינענדיג אויסגערופען. „ששששאַ... שטיל!” האָט זיך אויף איהר שעפּטשענדיג אָנגעבייזערט די מאַמע „מען וועט עס גאָר נישט טאָן, ס'ממזר'ל”.

סלפה׳לע האָט אָבער אינגאַנצען געציטערט, נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגען פון די צוויי פרויען, וואָס האָבען זיך געפּאַרעט אַרום איהר און אַרום דעם קליינעם בעשעפּעניש׳על און שטיל ווייגענדיג געבעטען: „דאָס קינד, דאָס קינד, גיב מיר מיין קינד...“

אַהרן האָזענבערג.

אליהו איזנור.

מיין ליד.

מיין האַרץ וואָס איז אין נעץ פון בענקעניש געפאַנגען,
וואָס פרויערט שמערצליך שטיל, ווי ווערבען ביי דעם טייך,
ווען ניט פאַרזינגען איהר יאוש־פּיין אין קלאַנגען,
וואָס רייסען זיך אין ליד צו אייך.

פערריגעלט איז מיין ליד, ווי אין א תפיסה־מויער,
פון קייטען רייסען זיך דאָס וואָרט און דער געדאַנק.
עס וועט א שטילער זיפץ דערגרייכען אייער אויער
אנשטאָט א פרעכטיגעם געזאַנג.

און כ׳וועל מיט זיך אין נאַכט פון אייביגקייט און שטערן,
אוועקטראָגען מיט זיך מיין בענקענדעם געמיט,
און קיינער וועט שוין מעהר מיין טרויער ניט דערהערען
מיט וועלכען ס׳איז פאַרפּלאָנטערט מיין ליד...

אליהו איזנור.

אשה טייטש

אין זונען-ראַד.

עס האָט אונזער ליבע איהר טרוימענדען שוימענדען פריהלינג געהאַט און זי האָט, ווי אַ בלאַט, זיך אין וואַרימקייט-פרוכטבאַרקייט פרוכטבאַר געבאָדען; מיר האָבען פון גלעטענדען בעטענדען זונשיין געוואוסט און פון וואַקסענדער לוסט אין׳ס פרילינגס-געוויטער; דאָס האַרץ ווי אַ בלאַט האָט מיט טרויען אָהן גרענעץ געטרונקען לוזאַט פון די רעגענס און טויען און פול ווי׳ אַנ׳אויג איז געוואָרען דאָס האַרץ מיט וואַרמען-דערבאַרמען, און פול איז געוואָרען אַזוי ווי אַ סטרונע מיט קלאַנגען און ניגער, און האָט זיך מיט ליטער אין זונשיין געבאָדען און לוסטיג געפּלאַפּעלט אין ליכט און אין שאָטען, ביז ס׳האָט נאָר געטראָפען די זון מיט די שטראַהלען און האָט נאָר אין פלאַמען געפיהרט קאָראַהאָדען; —

עס וועט אונזער ליבע אויך האָבען איהר האַרבסט, ווען דו פילסט אַז דו שטאַרבסט אַנאַטירליכען טויט אַזוי ביסלעכווייז אַפ, און אין קאָפּ דער געדאַנק ווערט געלאַסענער, רוהיגער; טיהאַיגער, קלערער דאָס האַרץ ווערט נאָר קעלטער, אַזוי ווי בעשערט צו דער עלטער, און עס פערליט דיך אַ ליבליכעס, טריבליכעס בענקען, אַזוי ווי די פעלדער נאַכדעם ווי עס ווערען די תבואות פערשניטען, אין שייער צופירט, און עס בלייבען די פעלדער אַליין און זיי נעהמען אין שטילע בערוהיגטע רייהען אַנטקעגען דעם ווינטער אין פילען בעוואוסטזיין פון גרויסען פון געטליכען סוד, אַז די ראָד פונ׳ס בליהען און וועלקען איז פּאַלקאַס געשלאָסען, אַ האָר ניט געמינערט; —

נאָר אין ראָד פונ׳ס בליהען און וועלקען נאָך פלאַטערט דער גרויסער דער געטליכער סוד אויפ׳ן גאָלדענעס קאָפּ פון דער ליבע, וואָס צאַפּעלט ביי אונז אין די הערצער, אַזוי ווי אַ צווילינג, געזעטיגט פון לוסטען אין זונרייכען פרילינג, — האָט קוים זי צובליט זיך אין רויטע און בלאָ-בלויע קווייטען און האָט זיך פערוועבט, מיט די עדעלסטע ריחות פערברידערט, אַזוי ווי אַ לוס-טיגע כלה פון הויכען געזינדערט, אין שפּראָצלענדע גאָרטען און זאַפטיגע גע-וועבען פון דאָרשט און פון סוף, — עס האָט פאַר דער ליבע פון שטראַהלענדע הערצער געקלונגען די שעה פונ׳ס זומער קוים-קוים; —

און זעה — דער עפעל בוים האט זיך אין גארטען צובליט מיט ווייסע ווי שנייעלעך בליטען א יס און ער טוט זיי צושפרייטען צוזיכטען אזוי ווי א כשוף־פערשווינדער פאר ווינד און פאר דורכגעהער: קלייבט זיי און וואַרפט זיי די בליטען און לאזט זיי פערגעסען די ווייסקייט, פערגעסען די גלאנצען, מיין שטערבען געהט ווייטער, געהט טיפער, געהט העכער אין לויף פונ׳ם זומער, און איך בין אין גאנצען אין הככס מיט גאט און מיט זיין שאפען, און נידער די בליטען, ווען גאט האט צום שאפען, צום פרוכטבארען שאפען גערופען א רוף, און פול איז מיין גוף מיט שאפונגס פערטרויען אין הככס מיט גאט און מיט ליכטיגע טויען, אין הככס מיט׳ן גרעסטען און געטליכסטען סוד; —

און הער — מיין עפעלבוים ביזט, געלירט מיט די שענסטע און זאפּ־טיגסטע בליטען, אין איך בין דיין שטערבען אין פערענטפערונג פונ׳ם פרילינג און האַרבסט, און איך באד מיך מיט לוסט אין דייגע ווייסע און לוכטיגע בליטען. קינד, גאט זאל דיך היטען און גאט זאל דיך בענטשען מיט די ברכות פון בליטען און זאפטיגע פרוכטען, — מיין האַרצען דיך זוכט, ס׳גאנצע וועזען דיך רופט: פערענטפערט זאל ווערען דער סוד פונ׳ם זומער!

אשה טייטש.

ד. טשארני.
(פֿין דער בוויין)

א.

אַלפּען גליהען.

תמוז-זון און אַלפּען-שניי
שמעלצען זיך צוזאַמען—
שטעהען ווילדע ריזען-בערג
ציטערן און פלאַמען

ווערט אין טאָל אַ פאַרבען-שפּיל
צינדט זיך אָן דער הימל—
פלאַטערט אויף אַנ׳אָדלער שטאָלץ
פלאַקערט אויף אַ בלימל.

שטעהסט, מענש, אין דעמערונג,
ס׳הויבט וואו אָן צו ציהען:
תמוז-זון און אַלפּען-שניי
קושען זיך און גליהען...

ג.

העלוועציא.

העלוועציא, דו שווייצער-לאַנד
דו ביזט מיין היים געוואָרן
און ס'ווילט זיך שליסן אַ פאַרבאַנד
מיט דיר אויף לאַנגע יאָהרן.

איך בין פאַרליבט און צוגעשמידט
צו דיינע שפּילענדיגע פאַרבן,
ווען עס פאַרגעהט די זון און גליהט
איהר לעצטן שטראַל אוים אין די קאַרבן

פון דיין פאַרפלאָנטערט אַלפּען-קייט,
וואָס צינדט זיך אָן, ווי צינטער
און גין-גאָלד גיסט זיך שטילערהייד
פון דיינע בערג אַרונטער.

און ס'ענטפערט באַלד דער הימל אָב
מיט כלערליי קאָלירטע פאַרבן
עס גיט אַשווינדל מיר דער קאָפּ
און ווי די זון וואָלט איך איצט שטאַרבן

מיט זאַק און וואַנדער-שטאַק אין האַנד
ביים שאַל פון אַלפּען-האָרן
דען דו ביזט דאָך, אַ גלעטשער-לאַנד
מיין צווייטע היים געוואָרן.

ד. טשארני.

א שרפה־אויף א צייט פערטרייב.

„ערשט א צייט שפעטער,—שרייבט גארקי—האב איך געכאפט די תורה, אז דער רוס, מחמת זיין ארימען פוסטען לעבען, האט עפעס א בע־זונדער תשוקה צו יסורים. ער שפילט זיך מיט זיי, ווי א קינד מיט א צאצקע און זעלטען ווען שעמט ער זיך צו זיין א נעבאך'ל. אין דער איינענער וואָ־כעדיגקייט, איז א צרה אויך א יום טוב, איז א שרפה אויך א צייט פער־טרייב; אויף א נאקעט פנים איז א קראץ אויך א ציערונג." (באנד 20 ז. 243)

די ראזיגע ווערטער, פון גרויסען קענער פון זיין פאלק, שטעהען פאר מיר, ווי א שווארצער פלאקאט און פערדעקען פאר מיין בליק די רויטע פאהנען, וואס פלאטערען איצט צעהנדליגערווייז ביי איטליבען נאסען דע־מאנסטראציע. אויב א צרה איז אויך א יום-טוב, טא ווער ווייסט צו דער יום-טוב פון א פאלקסרעוואלוציע איז נישט קיין צרה? אויב די הונדערט־יעהריגע דעספאטישע רעגירונג האט אויסגעראט די נאטירליכע געפיהלען ביים פאלק, טא ווי זאל איך אויסטייטשען די אויסערליכע מינעס, העזיות און ניטען פונ'ם ראזיגען פאלק? ווען דאס גענואלע קינד פון פאלק איז זיך פאר מיר מתודה: „סיי זייערע טרעהרען און די געשרייען און זייערע גע־גענזייטיגע מאטערנישען, וואס פלעמלען אזוי אפט אויף און ווערען אזוי האסטיג פערלאשען, זעהנען געוועזען פאר מיר א געוועהנליכע זאך, האבען אלץ ווייניגער געווירקט אויף מיר, האבען מיך אלץ שוואכער אנגענומען ביים הארצען",—טא ווי קאן מען פערלאנגען פון מיר, דעם קינד פון אנ־אנדער פאלק און אנ'אנדער קולטור, אז איך זאל האבען א שטארקען צוטרוי און מיטגעפיהל צו דעם, וואס עס ווייזט מיר טאג טעגליך די רוסישע גאס.

צו קאָן איך האָבן צוטרוי צום סאָציאַליזם פון דעם מענשעוויק און וואַראַנעוש, וואָס האָט נעענדיגט זיין דרשה מיט די קלאָרע דבורים: „ניעדער מיט די סאָציאַליסטן די זשידעס״ ?

און עס וואָלט דאָך זיין אַ נאַרישקייט פון מיר, ווען איך וואָלט אָנטרויען די רעפּאָרטע פון פּראָפּאָרציאָנעלע וואַהלען די דאָזיגע סאָציאַליסטן פון מאַנכע פּעטערבורגער ראַיאָנען, וואָס האָבן עובר געווען דערויף, האָבן זיי בעקומען די מעהרהייט (ז. „רעטש״ פון 20-טען יוני) ?

ביי אַ פאָלק, וואו עס פלעמעלט נאָר אויף אַ רגע, און וואָס עס לעשט זיך אַלץ אַזוי גיך אויס, ווענען וועמען עס זינגען זיינע פּאָעטען, אַז דאָס איז אַ „ריטער אויף אַ שעה״, קען אַלצדינג פּאַקומען אין איין מעת־לעת, און קיין זאַך האָט קיין מעלות נישט.

אין אַרבייטער־ראַט הויבט זיך אָן צו בילדען אַ אַנטיסעמיטיש־סאָציאַליסטישער פליגעל. אויף דער לעצטער דעמאָנסטראַציע פון דער „אָרגאַניזירטער דעמאָקראַטיע״ (?) האָבן זיך געזעהן פאָהנען פון אַ נייעם מין סאָציאַליסטען—„קריסטליכע סאָציאַליסטען״. נאָך די בשורה ווענען דעם זיעג פון דער דרום־מערב אַרמעע זענען טויזענדער מענשען געלעגען אויף די קניע ביים קאַזאַנסקען סאָבאָר, וואו מען האָט סאָציאַליסטיש־פּראַוואָסלאַוויש פרום מתפלל געווען. און בעת מעשה האָבן ווינאַווער און טירקאָווע גוט אָבגערעכענט זיך מיט דער דעמאָנסטראַציע פון 18-טען יוני דערביט, וואָס זיי האָבן געמאַכט דעם 19-טען אַ דעמאָנסטראַציע פאַר די קעמפענדע אַרמעען ווי מיט אַ טאָג פריהער די באָלשעוויקעס געגען. אַלע די דאָזיגע פאַקטען קאָנען נישט אַרויסרופען ביי מיר קיין שום געפיהל. ווארום סוף כל סוף האָט דאָס קיין שום ממשות נישט. ווי דער קקיון פון יונה הנביא, ווערען זיי פערוועלקט נאָך איידער זיי הויבען אָן בליהען. די קריסטליך סאָציאַליסטישע פאַרטיי איז פערשאָונדען אין איינעם מיט דער פאָרן, וואָס מען האָט אוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעל ביי אַנ׳אַלכען בעזוב. די אַנטיסעמיטישע סאָציאַליסטען וועלען זיך בערוהיגען. ווי באַלד נאָר מען וועט זיי אויך געבען אַנ׳עליה און אַ פלאַץ אין אַרבייטער ראַט. דאָס, וואָס דער עולם איז אַזוי שטאַרק מתפלל, בעווייזט נאָך נישט, אַז מען וועט מאָרגען נישט בעגנבה׳נען דעם קאַזאַנסקען סאָבאָר. און טירקאָווע מיט ווינאַווער וועלען אויך נישט אייביג

זיצען אין איין אווטאָמאָביל. טירקאָווע איז אויך א רוסיש קינד, און זי וועט נאָך זיצען מן הסתם אין אסך אנדערע אווטאָמאָבילען, וואו ווינאווער׳ן וועט מען אפילו ניט וועלען אָנקוקען.

איך ווער דעריבער פון קיין זאך ניט נתפעל. לעב מיט דער האָפנינג אז זיגען וועט ניט דער גייסט, וואָס פלעמעלט א רגע און ווערט באלד פערלאָשען, נאָר גאָר אנ׳אנדערע; א שווערער אויפגעהאלטענער אָרגאניזאציאָנס גייסט, וואָס איז וועניגער טעאַטראליש, נאָר אסך סאָלידער. און דערום פערדיינק איך נישט אלע די דאָזיגע יודען, וואָס ארבייטען ביי דער נייער רוסישער רעגיערונגס מאשין. וואָרום אויב אָרגאניזאציע, טאָ לאָזט בעסער צו אנ׳אנדערען מעכאניקער, נאָר נישט א מענשען, ביי וועמען „א צרה איז אויך א יום־טוב, א שרפה—אויך א צייט פערטרייב״.

ב.

די גרימאַסען פון קריעג.

אלץ אויף דער וועלט בעווייזט זיך אונז אָפט אין צוויי פנים׳ער: אָדער דאָס שמייכעלט אָדער דאָס מאַכט א גרימאַסע. צוערשט האָבען מיר דערזעהן די גרימאַסען פון קריעג פאר דריי יאָהרען, בעת עס איז ניט געווען קיין שטאָדט אין רוסלאנד, וואו מענשען האָבען כלומר׳שט נישט געפּלאַצט פון א פלאַמענדיגען פאַלשען פאַטריאָטיזמוס. אלע געדיינקען נאָך די צייט, ווען אויף די פּוילישע ווארשעווער גאסען האָט געשטורמט דער קול פון די הורא-פאַטריאָטען, ווען אין פעטערסבורג ביים ווינטער פאלאַץ זיינען געשטאנען אויף די קניע יודישע פיינע בעלי־בתים און האָבען מיט גרוים הרהבות געזונגען „באָזשע צאריא חראַני״.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען א סדרה פון עכטע און פאלשע „דאָבראָוואָלצעס״, און אין א פּאָר חדשים ארום האָבען זיך שוין בעוויזען די ערשטע 14-13 יאָהריגע חדר-יונגלעך, וואָס זענען אנטלאָפען בשתיקה פון טאטע מאמע אויף דער מלחמה. און שפּעטער האָבען זיך א שאָט געטהון אין

טייזענדער עקזעמפּלארען די אָקאָרשט אייסגעבאַקענע בארמהערציגע שוועסטער. אלע די מיידלעך, וואָס זענען געשטאָרבען פון אומעט אין פּיסטקייט אין די אויעזדנע שטעטלעך און וואָס האָבען גיך אין זעקס וואָכען זיך אויסגעלערנט אלע נייטהיגע וויסענשאַפטען, בכדי צו טהון אלץ וואָס דו ווילסט נאָר נישט דאָס, וואָס מען פאָדערט פון איהר אין אַ לאַזאַרעט.

אין דער איינענער צייט האָבען זיך בעוויזען מיט אַכצעהן וואונדען אויף די נעגעל, די וואונדערליכע קאַזאַקען, וואָס האָבען איטליכער פון זיי גענומען אויף דער פּיקע צו 7-8 דייטשען אויף אַ מאָל, און די ...יערטעס פון די דערפער, וואָס האָבען געטריבען בלויז מיט הוי גאָפּלען גאַנצע ראָטעס עסטרייכער אין געפאַנגענשאַפט א. א. וו. א. א. וו.

וואָס ווייטער די קריעג האָט זיך געצייגען אלץ מעהר העזות האָט זי געפאַכט. ס'איז כמעט ניט געווען, אַ צייטונג אין רוסלאַנד, וואו עמיצער זאָל נים שפּיעלען דאָרטען די ראָלע פון אַ קונצענמאַכער, וואָס איז משמח דעם עולם דורך ווילדע תנועות. עס איז כמעט ניט אַוועק אַ טאָג, וואָס עמיצער זאָל נישט מאַכען אַ גזרה-שוה צווישען קאַנט און קריפּין, צווישען דעם ווילדען דייטשען און דעם הויך ציוויליזירטען סאָלדאַט פון מאָנטאָנעגראָ. אפילו די ענגלישע צייטונגען האָבען געפונען אייגנע לייט, ווי גרעהעם און אנדערע, וואָס האָבען געזונגען א ליבעליעד דעם צאַר'ן און זיינע לייט, וועלכע, בנוגע קולטור און בילדונג, קענען זיי געבען דעם דייטשען אַ פאָר אייגען פאָרווס, און איטליכער פעלדוועבעל, וואָס האָט זיך אויסגעקעהרט פון פראָנט האָט מיט נאוה דערצעהלט, אַז אין הלכות שיסען זענען אונזערע דאַרמאַטען אייך בעסער פאַר די דייטשען און אַז די „טשעמאָדאַנען" פון קרופּ שרעקען אפילו נישט קיין קינד אין וויגע.

עס וואָלט נישט קלעקען קיין פּאַפּיער אויף אויסצושרייבען אלע די דאָזיגע קריעגס-גרימאַסען, וואָס האָבען אָבגעעקעלט איטליכען מיט אַ געזונדען מענשענפערשטאַנד.

איצט שטעהען מיר אויג אין אויג פאַר אַ נייע גרימאַסע, פאַר די פרייען-באַטאַליאָנען. ערגעץ באָמשקאַראָווא האָבען זיך אָנגעהויבען צונויפקלייבען מיידלעך און ווייבלעך אין די קאַזאַרמעס, וואו מען טהוט זיי אָן אין סאָלדאַטסקע קליידער און מען לערנט זיי שיסען פון אמת'ע ביקסען, זיי די דאָזיגע פרייען וועלען קימען וויזען די מענישע סאָלדאַטען, ווי מען דאַרף פער-

טייערען דאָס פאָטערלאַנד. ווי מען דאַרף קעמפפען. ווארום דאָס איז דאָך שוין אַ בעקאַנטע זאַך, אַז איטאַליענע פרוי איז אַ זשאַנאַ ד'אַרק, אַ מין דבורה וואָס האָט אַזוי שיין בעזונגען ברק'ס מפלה און דעם נצחון פון די יידישע שבטים.

די דריי יאָהריגע קריעג האָט אונז שוין אָבגעהאַרטעוועט קעגען מיזענדער גרימאַסען, און אויך די פרויענבאַטאַליאָנען וואָלטען נישט געמאַכט אויף אונז קיין גרויסען רושם, ווען נישט די רוסישע רעוואָלוציע. ווארום כל זמן דער צאַריזם האָט געהערשט אין רוסלאַנד, איז אונמעגליך געווען אויסצוזאָגען בפה מלא דאָס וואָס מען קלערט און מען טראַכט וועגען די קריעגס גרימאַסען וואָס ווערען געשטיצט פון אַ ניעדערטרעכטיגע רעגיערונג, מען האָט אַרונטערגעשלונגען דעם עקעל און מען איז געבליבען קאַלט. איצט אָבער, ווען די דאָזיגע גרימאַסע ווערט געמאַכט מיט דער צושטימונג פון אַ סאָציאַליסטישען קאַבינעט, איז שווער צו שווייגען.

וואָס פאַר אַ צוועק האָבען די דאָזיגע פרויענבאַטאַליאָנען? צו מיינט טאַקע באמת'ן אמת, אַז די דאָזיגע נאַרישע אין בענאַרישטע ווייבער קענען ברענגען דער מלחמה עפעס אַ טובה? צו פערשטעהט נישט יעדערער, אַז אַ פרוי, וואָס איז באמת פאַטריאָטיש אין האָט אַ מיטעפען פערלאַנג צו נוצען איהר פאָלק האָט מיזענדער בעסערע און נוצליכערע וועגען פאַר זיך איידער די וועג, וואָס פיהרט צו אַ סאָלדאַטסקע קאַזאַרמע? אין צו האָט נאָר דער שטאַט דאָס רעכט צו שטעלען אין געפאַהר דאָס לעבען פון אַ קינפטיגער מוטער? צו איז נישט פיעל גלייכער צו פערניצען דאָס געלד וואָס געהט אויף שפיעל באַטאַליאָנען, אויף צו שטיצען די יתומים פון די געפאַלענע אין קריעג? אין אזא מאָמענט, וואָס מיר לעבען איצט איבער קריגט אַלץ אַ מאַסען כאַראַקטער, עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען דאָס מאָרגען איבערמאָרגען וועלען מיר שוין האָבען אין רוסלאַנד ניט איין פרויענבאַטאַליאָן נאָר צעהנדליגער. צו וועט דעמאָלסט דער קריעגס מיניסטער בויען ספּעציעלע פרויענקאַזאַרמעס, ספּעציעלע אָקאָפּעס און ספּעציעלע פרויען לאַזאַרעטען? און צו וועט דער דיוויזיאָנס גענעראַל צוטיילען די דאָזיגע ווייבער אויף ספּעציעלע ראָטעס און פאָלקען? צו וועט ער נישט דאַרפען בייטען דעם גאַנצען סדר, צוליעב דעם וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין די אַרמעען אַ נייעם פרעמדען און נישט קיין אונגעפערליכען עלעמענט? ווען מען שטעלט זיך די דאָזיגע פראַגען הויבט מען נישט אָן צו פערשטעהן, ווי איז דאָס מעגליך געווען, אַז די דאָזיגע נייע גרימאַסע האָט בע־

קימען דעם הסכם פון א קערענסקי און אַ אַרבייטער־ראַט. הערן מען מיז אָננעהמען, אַז איטליך נקבה, וואָס טהוט אָן שטיוועל און אַ שינעל האָט אַ ציין ניש בײַ זיך, אַז זי איז אַ מין דבורה—הנביאה, וואָס געהט־אין קריעג נאָר לשם שמים און נישט חלילה פון היסטעריע און אינעווענינגסטע פוסטקייט.

די נייסטע קריעגסגרימאַסע מאַכט אַפילו ערגערען אייַנדרוק, ווי די אַבאָ־ליגע. מען פערליערט צוליעב איהר אַביסעל דעם פערטרויען צו די, וואָס שטיצען די פרויען־באַטאַליאָנען מיט דעם מלוכה־געלד און מיט זייער אויטאָריטעט און מען האָט דאָס געפיהל, אַז דאָרטען אין די הויכע פענסטער מאַכט מען נישט אַיע מאָל דעם ריכטיגען חליק צווישען אַנאַמתדיגע מינע און אַ פוסטער גרימאַסע

<u>מ. בראָדערזאָהן.</u>

פראָסט־בלומען

זיי וואַקסען גראַציעזיש געבויגענע ווייסע
די פראָסט־בלומען שלאַנקע אויף שייביגען טויי
און בליהען אין אָווענטען הימלישע בלוי...
איך וועל דיר דערצעהלען פון חלום אַ מעשה:
„ווען אַלערליי בלומען־אין פרעסט און אין קעלטען—
„ווען בליערליי בלומען שוין האָבען געדאַרט
„פאַרוועלקטע און טויטע, דאַן האָב איך געגאַרט
„דערלאַנגען דיר אייסטערליש—שענסטע פון וועלטען,
„וואָס גלאַנצען מיט גאָלד און בריליאַנטען אויף זייגען
„די בלומען די אָפענע פריח אין פאַרנאַכט...
„איך האָב זיך אַ ציעל אין דעם ווינטער פאַרטראַכט!
„מיט אייגען פאַרמאַכטע—די בלומען געפונען.
„און כ׳האָט זיי פון שויבען אַרונטערגעריסען
„דערלאַנגט דיר אַ בינטעל פאַנטאַסטיש צובליהט...
— — — — — — — — — — —
„און איך בין ניט שולדיג: דיין ברוסט ט׳זיי צוגליהט.
„זיי זיינען צוגאַנגען אין בענקען אין זיסען!"—

מאסקווע תרע״ז.

ק. זיננמאַן.

א.

אין דער ליטא.

(פון אַ באַלאַדע)

א.

דו זעסט ביים טייך, ביים ניעמאַן־טייך
אין אָוועגד־שעה'ען שטילע
עם בלאָנזעט אום אַ מיידעל־קינד
און שעפּצעט שטיל אַ תּפלה...
קוק טיף אַריין אין מאַטען שיין
פון איהרע שוואַרצע אויגען;
און זעה, ווי פול מיט בייגקשאַפט אי
איר בלאַם געזיכט בעצויגען.
זי איז אַליין, דו טרעפסט דאָרט ניט
קיין צווייטע און קיין דריטע;
עם רוהט אויף איהר דער יודיש־חן,
די בייגקשאַפט פון דער ליטא.

ב.

אין אָוועגד־שעה'ען טרוימענדע,
די נאַכט פערשפּרייט איהר פליגעל;
דער ערשטער שטערען רופט זי באַלד
צום טייכעלע - -איהר וויגעל...
די וועלעכלאַך - - ווי קברים'לאַך
זייווינקען איהר פון ווייטען;
די שיפעלאַך — מצבות'לאַך...
ניטאָ שוין יענע צייטען...

זי האָט געוואוסט אַמאָל פֿון טײַך,
פֿאַר פּסח נור צו קומען ;
צו טובל'ען דאָרט די כוסות'לאַך,
צו רייסען פֿרילינג'ס־בלומען.
זי האָט געליבט אין פֿריהלינג'ס־טעג
פֿון אָווענד און בעגינען
אַ קוק טון שטיל בײַם טײַכעלע :
די גרעזעלאַך — צו גרינען...

ג.

און שפּינטאָל אַ פֿאַרנאַכט קומט אָן,
ווען ס'פֿאַלן ווינט־פּאַסטן ;
דערזעהען האָט זי בײַם ניעמאַן־ברעג
אַ בחור'על — אַ בלאַסען...
ס'איז שטיל און שטום, ער קוקט, אַרום,
די וועלען, ווי זיי שווימען ;
א ווענדע וואַרפט ער אינ'ם טײַך
און ווערט אין האַרצען טרויבען...
ער צײַט אַרוים זיין ווענדע גיך,
(די זון איז שוין פֿערגאַנגען) — — —
איהם שעפּצעט עמיץ פֿונ'ם טײַך :
„אַ האַרץ האָסטו געפֿאַנגען"!...

— — — — — — — —

ד.

אַ בײַנקשאַפֿט הילט דעם פֿישער אײַן,
פֿון טײַך ער ווערט פֿערשוואונדען ;
דאָס ליטאַ־קינד, — דאָס טרוימען־קינד,
צו איהם ווערט צוגעבונדען...
און ווי עס קומט פֿאַרנאַכט נור אָן,
פֿון הויז זי טוט ענטרינען ;
זי לויפֿט מיט שרעק צום טײַכעל,
איהר ליבסטען ,צו געפֿינען.

ד.

פיל טעג—אַוועק, הדשים אויך,
דאָס מיידעל ווערט אַלץ בלאַסער;
זי זוכט און זוכט איהר ליבסטען אום
און פרעגט די פיש אין וואַסער...
ס'איז נאַכט אַרום, דער וואַלד איז שטום,
ס'איז אומעטיג און פוסט;
אין וואַסער בלויז—אַ שטיל געראויש
עס רירט זיך וואו אַ קוסט— — —
און ערגיץ וואו צושטערט די רוה
אין וואַלד אַ וויטע ליד;
זי חאַפט זיך אויף פון צויבער-שלאָף
און הערט—פון וויטען טריט...
ווער קומט פון וואַלד אין שפעטער נאַכט?
איר ציט און שרעקט די שטים;
די שטים איז נאָהנט, זי האָט דערקאָנט
איר ליבסטען באַלד אין איהם.
און שטיל דער וואַלד- די בערג אַרום,
זיי קוקען פול מיט לוסט;
און עפעם לאַכט די זומער נאַכט:
„זיי האָבען זיך צוקושט"!...
— — — — — — — —

פ. וינגאַן.



ב.

די פרוי אין שווארצען.

בײַן ווינקעל גאַס.

די פרוי אין שוואַרצען—דאָס קינד פון טרויער.
טאָג אײַן, טאָג אויס זי קומט אַהער;
נאַכט אײַן, נאַכט אויס זי שטעהט ביים מויער,
און ס'קאָפּעט שטיל פון אויג אַ טרער...
איהר האָפנונג איז שוואַרץ
נאָך שוואַרצער פון דער נאַכט,
נאָך שוואַרצער פון די גרויזעם
פון בייזע שוואַרצע הינד;
טאָג אײַן, טאָג אויס זי וויינט און לאַכט,
זי ליבט און האַסט.
די פרוי אין שוואַרצען, דאָס פרעהליך אומעטיג'ס-קינד.

—אָ, מענש, מיט וואָלקען שוואַרצע אויגען!
אָ מענש, מיט הימעל בלויע אויגען!
געהסטו שטיל פאַרביי
דעם ווינקעל פון דער גאַס;
און טראַכטסט פון מיטאָג, געלד און פרוי און וויין;
און לאַכסט פון אומעט, נאַכט און שרעק און פּיין?
דו מיינסט, אַז אייביג איז דיין מאַי,
דיין אויג וועט קיינמאָל ווערען פייכט און נאַס?...

— — — — — — —

...זי לאַכט און שטיפּט... און ווייזט איר ברוסט.
דו וויגעלסט זיך אין אירע לאָקען איין;
נאָר וויים: דו ביסט איר שלאַנג און ווען דו קושט,
און ווען איר לייב פֿער'שכּור'ט דיך מיט פרויען־וויין...
דאַן ווערסטו ווי אַ קינד, אַ שוואַכער קינד,
דו פֿאַלסט צו אירע פֿיס און זיס ווערט דיר די זינד...
און דאַן ביידיר אין שטוב, עס זיצט דיין פרוי און שפּילט קלאַוויר
און זינגט אַ ליעד אַ אונשולד־ליד און קלערט פֿון דיר!
און טראַכט פֿון נאַכטיג גליק, וואָס ברייגנט דער אָווענד־טוי...
זי טראַכט פֿון דיר דעם שלאַנג וואָס לאַנג פֿערגיפֿטעט איז
און וויל פֿערגיפֿטען אויך די שוואַרץ־וואָלדיגע פרוי...

— — — — — — — — — — —

די פרוי אין שוואַרצען — דאָס קינד פֿון טרויער
טאָג איין, טאָג אויס זי זוכט אַהער;—
נאַכט איין, נאַכט אויס זי שטעהט ביים טויער
און שעפּט שטיל פֿון אויג אַ טרער...

ז. גינגאזון.

א. י. גראָדזענסקי.

דאס בלינדע אינגעל.

— דער הימעל איז בלוי?

— יאָ, מיין קינד.

ער איז געווען אַ בלינדער. ער האָט אָבער אַמאָל אויך געזעהן דעם בלויען הימעל און די שטראַלען, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט און איצטער —אין זיין ניט-זעהענדיגער בלינדקייט האָט ער עס נאָך מעהר ליב בעקומען.

—דער הימעל איז בלוי?

—בלוי, מיין קינד.

אַרום איהם איז געווען פינסטער.

— וואָס ברענד עס מיך אין קאָפּ, מוטער?

— די זון, מיין קינד.

ער האָט אויסגעצויגען די הענדלאַך אין דער הויך—צו דער זון, ווי ווע-לענדיג אַרומנעמען די וואַרימקייט פון די שטראַלען מיט זיינע אָרימ׳ס:

— זון! זון! זון!

ער האָט זיך נאָך געריסען פון אָרט מיט די אויסגעשטרעקטע הענדלאַך אין דער הויך, ווי גרייט, ווען ער זאָל נאָר פליגלען האָבען, אַוועקצופליהען.

ער האָט דאָך דאָס אַלס געהאַט געזעהן: דעם הימעל, די זון, די שטראַלען, מיט וועלכער ער פלעגט ליב האָבען שפילען אין „חאַפּעניש״. דאָס איז דאָך אַלס געווען אַזוי שעהן—און ער האָט ניט פערשטאַנען, פאַרוואָס זעהט ער דאָס ניט ווידער.

אַרום איהם איז אַלעס אַזוי פינסטער, און שטענדיג וועט עס אַזוי זיין?

— מוטער איצט איז פריהלינג?

— פריהלינג, קינד.

— ווי פאָריגעס יאָהר?

— געוויס.

פאַרינגעס יאָהר זײַנען זײַנע אויגען אָפען געווען.

— און ווי פאַרינגעס יאָהר שטעהען די בוימער איצט מיט ווײַסע בליהעכץ?

— געוויס, מײַן קינד.

די מוטער האָט איהם געגלעט איבער'ן קעפּיל און געדריקט צו איהר ברוסט זײַן געזיכט.

אַרום האָט געבליהט דער גאָרטען. דאָס גראָז איז שוין העכסט גרין געווען, און אַלערלײַ־פאַרביגע בלימלאַך האָבען זיך דערהויבען מיט זײַערע קעפּלאַך.

ער האָט דאָס אַלס ניט געזעהען: ניט דאָס גרינע גראָז, ניט די פאַרב פון די בלומען. ער האָט אָבער געשפּירט, אַז זיי זיינען דאָ־נאָר ער זעהט עס ניט, און פאַרוואָס?

זיי זײַנען געזעסען בײַן ברעג טײַכעל, וואו ער פלעגט יעדעס יאָהר אין דער דאָזיגער צײַט, זיך שפּילען אין זאַמד און שלײַדערען שטײַנדלאַך אין וואַסער. ער פלעגט ליב האָבען צו הערען דעם אָבקלאַנג און דאָס שטילע מוזיקאַלישע שעפּצען פון די פאַרבײַשטױמענדע וועלען.

— מוטער, גיב מיר אַ שטײַנדעל.

זי האָט זיך אײַנגעבויגען צום ברעג און איהם דערלאַנגט אַ וואַסער־קעפּיל.

ער האָט אָנגעשטעלט זײַנע געהער פון וועלכען זײַט דאָס וואַסער רוישט און זיך געצילט.

ער האָט געדאַכט אָנגעשטרענגט זײַנע בלינדע אויגען. געוואָלט חאַפּען פונקט דאָס אָרט, וואו דאָס שטײַנדעל איז אַרונטערגעפאַלען. עס האָבען אָבער קוויטשענדיג אָבגעהילכט פלוסקענדיגע וואַסער־טראָפּענס. נאָר געזעהען האָט ער גאָרנישט.

אַרום איז געווען פינסטער.

— מוטער האָבען זיך אויפגעהויבען וואַסער־טראָפּענס אין לופטען? האָבען זיך געבילדעט רעהרלאַך אינ'ם וואַסער?

די מוטער האָט איהם שווײַגענדיג געדריקט צו זיך און דאַן געענטפערט:

— געוויס.

— ווי האָבען זיי אויסגעזעהען, מוטער, ניט ווי פּעריל?

ער האָט אַמאָל געזעהען פּעריל. אויף זײַן מוטער'ס האַלז זײַנען זיי געהאַנגען אַלס אַ מתנה פון פאָטער.

זי האָט איהם געוואָלט ענטפערען: „ווי טרעהרען", דען אין איהרע אויגען

ליטעראַריש — הייזלעך קונסט—רינג

האָבען זיך בעוויזען טרערען, נאָר זי האָט זיך איינגעהאַלטען.

ער האָט זיך מיט זיין קליינעם גופ'ל געטוליעט צו איהר, געגלעט איהרע הענד, דאָס געזיכט „ווי זעהט עס אויס?" — און אָנגעטאַפּט פייכקייט.

— וואָס איז דאָס מוטער? דו וויינסט?

די פרוי האָט זיך בעמיט צו שמייכלען און איינצוהאַלטען די טרעהרען נאָר ענפּערען האָט זי קיין כח ניט געהאַט.

— וויין ניט, מונ'ער!

ער האָט זיך דערשפּירט ניט גוט: פאַרוואָס וויינט די מוטער?

ער האָט דערהערט טריט: דער פאָטער.

ער האָט זיך, ווי דערפרעהט און געלאָפען ענגעגען מיט אויסגעשטרעקטע הענד.

— פאָטער, פאָטער!

דער מאַן האָט איהם אַ חאַפּ געטאָן, ער זאָל ניט אומפאַלען:

— פאָרזיכטיג, קינד.

און דאַן איהם אויפגעהויבען אין זיינע אָרימ'ס און געקושט זיין שטערען.

— האָסט היינט געבראַכט דאָס בלאַט, פאָטער?

— יא, מיין קינד.

— און דו וועסט עס איצט אויך לעזען נאָך מיטאָג?

— געוויס, געוויס.

ער האָט געדענקט, ווי דער פאָטער פלעגט יעדען נאָכמיטאָג פונאַנדער־שפּרייטען די צייטונג. ער האָט עס פיהל מאָהל גענומען אין האַנד און געפּרובט לעזען די געדרוקטע ווערטער, וועלכעס ער האָט ניט פערשטאַנען. די מוטער פלעגט דאַביי לאַכען, איהם האָט עס אָבער ווייניג געקימערט.

ער האָט איצט פערלאַנגט די צייטונג. האָט עס גענומען אין זיינע הענד, אַריינגעגראָבען דערין זיינע בלינדע אויגען. נאָר גאָר נישט ניט געזעהען. פינסטער. ער האָט אָנגערירט מיט'ן פינגער אויף אַ געוויסען אָרט:

— וואָס שטעהט דאָ, פאָטער?

ער האָט נראַדע אָנגעוויזען אויף אַ אָרט, וואו עס איז געווען בעשריבען אַ געשיכטע, וועגען אַ מאָרד. דער פאָטער האָט ניט חשק געהאַט עס צו לעזען פאַר'ן קינד, נאָר ער האָט איהם ניט געקאָנט ענטזאַגען און איהם דערום געענטפערט:

— שפּעטער, קינד.

דאָס קינד'ס געזיכט האָט אויסגעדריקט ניט בעפרידיגונג. ער האָט אָוואָרף

געטאָן די צייטונג און געגאַנגען צו דער מוטער:

— דער הימל איז בלוי?

— איך האָב דיר שוין געזאָגט, קינד.

— אָבער, ווי ווערט ער אוים מוטער?

פאַר איהם איז ווייניג געווען בלויז דאָס בעוואוסטזיין, אַז דער הימעל איז בלוי, ער האָט געדאַרפט אָנקוקען: צו איז ניטאָ דאָרט אַ ווייס וואָלקענדיל?

אַרום איהם איז אָבער אַזוי פינסטער.

אַח, פאַרוואָס איז דאָס אַלס אַרום איהם פינסטער? צו איז עס שטענדיגז אַזוי געווען? ניין, ניין! פאָריגעס יאָהר איז אַרום איהם געווען ליכטיג. בלויז די נאַכט איז געווען אַזוי פינסטער.

פאַרוואָס איז אַלס אַזוי פינסטער? צו בלויז אַרום איהם אַליין איז עס אַזוי פינסטער?

ער האָט געלייגט זיין קאָפּ אין זיין מוטערס שויס. האָט מיט די הענד פערשטעלט די בלינדע אויגען, אויף אַ רגע האָט איהם געדוכט, אַז ער איז צוריק זעהענדיג. נאָר עס האָט געדויערט אַ רגע און דאַן איז ווידער אַלס אַרום איהם געוואָרען אַזוי פינסטער.

א. י. גראָדזשענסקי.





י. טשייקאוו. שלמה המלך.

משה בראדערזאהן.

ליבע־פסוקים.

(טאנקע׳ס *).

א) ס׳איז נעכטען געשען:
ווען דיין פּנים דעם קלאָרען
א שד האָט דערזעהן —
איז ער איבער געבאָרען
גלייך — א מלאך געוואָרען!

* *
*

ב) ס׳קאָן קיינער נישט איצט
מיך דערטייטען! מיין לעבען
איז תמיד בעשיצט!
נאָר איין וואונק וועסטו געבען —
וועט דער טויט מיך פארוועבען.

* *
*

ג) איך בין נעבען דיר
א פאַרבענקטער פון גליקען!
מיין בענקשאפ׳ט — מיין ציר —
זוכט אַנ׳אויסלייזונגס־תיקון
אין פאַר־חלום׳טע בליקען...

* *
*

*) „טאנקע" א פארם פון דער יאפּאנישער ליריק.

ד) דאָס גליק איז איצט שווער ...
און פארשליסטו די בריען—
אנטפלעקט זיך א טרעהר.
ס'הייבט דאס הארץ אָן צו קלעמען,
ווען מען שעמט זיך צו שעמען!

* *

*

ה) וואָס איז דען א טרעהר?
דאס ביטערקייט פון טרעהרען?
אָ, שוין זשע ניט מעהר,
ווי דער טויט פון באגעהרען—
פון די פאַלענדע שטערען?

* *

*

ו) איך בין פון א לאנד
א בת מלכה א'שטילע.
איך האב זיך באקאנט
מיט דיין הארץ! ווי צו נעילה
דאַן געבענקט האט דיין תפילה...

* *

*

ז) איך האב אין דיין בליק
די בת מלכה די פרומע—
ס'פאַרהוילענע גליק
אויסגעפונען: מיין אומה—
אין די אויגען די שטומע...

* *

*

ח) דיין ליעבע—מיין קרוין—
איז מיין לאַנד, וואו איך קיניג
ס'מלוכה'לע שען
מיט איהר יעדערן מנהג
מיט איהר מלכה—וואהגזיניג...

* *
*

ט) געווען ביזט דא
נישט לאַנג צוריק. צוזאַמען—
פריהער מיט א שעה.
און די זכרונות-גאַמען
צושיידען אונז מיט ים'ען.

* *
*

י) דער הערבסט פויקט אין שויב
מיט אנ'אומעט א נייעם!
און ווייט פליהט א טויב—
נאך'ן חורבן... פארביי איהם,—
פון מיין הארץ-ירושלים.

אשר בראָדבראָזען.

מאָסקווע, תרע"ז.

לייב ניידוס.

סאָנעט.

אַמאָל אַמאָל ביסטו געווען לבנה׳יג,
און תפילה׳דיג, און צערטליך ווי אַ קרעל;
דו ביסט געווען אַ יונגער מענעכטרעל,
וואָס ליבט זיין ליד, ווי ס׳ליבט די בין איר
האָניג...

ס׳איז פאַרזיכטיג געוועזן און דינטאָניג
דיין רירענדע און ציטעריגע טרעל,
נור ס׳בליהט שוין לאַנג אויף איהר אַנ׳אימ-
מאָרטעל,
און ס׳איז דיין שלאָם שוין מעהר ניט ווייס-
קאָלאָנניג...

מיר דוכט: ס׳האָט אַ פערשאָלטענער לוציפער
געמאַכט דיך פאַר אַ לייכטזיניגען שטיפער...
און כאָטש געצויגען סוד׳יג מיט זיין בלאַנק

האָט מיך נור יענער טעמפעל-שטראַל דער
בלאַסער
דאָך גיב איך דיר מיין ליבע—אַ געשאַנק,
וואָס בלאַנקט מיט אַ געשליפענקייט פאַרנאַסער.

חברים.

(הכילד).

חברים, אַזעלכע ווי לייבקע און לאָזיקע האָבן נאָך געגעבן דער וועלט נור איינמאָל: מאַכע די אייגענע לייבקע און לאָזיקע. זיי פלעגן געניג „אריינגעזעצט" פון בײדע זײַטן: הן פון דער אייגענער מאַמען, הן פון חברים. לייבקע'ס מאַמע, אַ שטילער, פלעגט זאָגן, אַז זי וועט איהר „קדיש", אם ירצה השם, אָבגעבען פאַר אַ „פּאַרפּאַציק" גרישקען דעם פאַסטוך. געוויסט האָט לייבקע, אַז אַ „פּאַרפּאַציק" איז אַ מאַמ'ע זאַך פאַר אַ אידען און האָט דער פון געהאַט עגמת־נפש, נאָר — פון לאָזיקען־פלעגט ער ניט אָבטרעטען, ער האָט איהם „ליב" געהאַט — אַמאָל פלעגט זיך די מאַמע ניט בעגניגענען מיט טרוקענע דבורים און פלעגט איהם געבען צו „געדענקען" אויפ'ן רבינ'ס שטייגער... פלעגט זיך לייבקע דאַן ביטער פינאַנדער וויינען און אויעק געהן געשריידען זיין הארץ פאַר לאָזיקען. דאָס אייגענע־לאָזיקע.

ניט נאָר אַ הילף לייבקעס פייפעל־איז שוין אַלעס פערגעסען. געבען לאָזיקע'ס מאַמען בלייבט נור איבער אַן־איינגעפאַלען ביינקעל, אָדער אַמאָל אַ צעבראָכען גלאָז און טעלער, וואָס לאָזיקע האָט פערטשעפעט און אומפעט. און אַט איז לאָזיקע שוין געבען לייבקען אייף אַ שבעקען ריטענריג.

אויס געקלערט דאָס „פייפען" האָט לייבקעס שכל און דער פאַר האָט איהם לייבקע איך „ליב". אחוץ דעם האָט ער איהם ליב, ווייל לייבקע האָט אַסך צו דער ציילען „מעשיות". לייבקע דאַט „ליב" לאָזיקען־דער פאַר, ווייל יענער גליבט איהם אַלס און הערט איהם אַלעסדינג אויס.

— קום איך וועל דיר עפּעס דערציילען אַזאַך־זאָגט האָט ריסיש, האָט יודיש לייבקע, לאָזיקע שפּרינגט אונטער דער פּרעהט, דערלאַנגט דעם הבר אויך אַ שטעקען, און בײדע זיינען שוין פערפאָרען העט צום טײַך־זייער ליבסטען אָרט.

— לייבקע,—פרעגט לאָזיקע דערזעהענדיג אַ ראָק, לייבקע, אַ ראָק קאָן רעדען?

— אודאי קאָן ער,—ענפערט לייבקע,—נאָר ער וויל ניט. שלמה המלך האָט גערעדט מיט אַלע חיות, ווייל נור שלמה המלך קאָן פערשטעהן, וואָס זיי רעדען.

לאָווקע הערט זיך איין און קוקט בעת מעשה מיט „דרך־ארץ״ וואס ער לייבקע וויים אַ סך צו דערציילען.

אמאל טוט לייבקע אין מיט'ן דערינען אַ פרעג דעם חבר:

— קאמו טי באלשע ליוביש, שי פאַפי, שי בראַטי שי באָגו? *)

— די מאַמען,—ענפערט לאווקע הילכיג.

ווערט לייבקע שטרייננ און זאָגט, ווי אַ גרויסער:

— זאָלסט עס נאכאמאָל ניט זאגען, נארעלע. פריהער דארף מען ליב האָבען גאָט. ווארום גאָט קאן צונעמען די מאַמען, אָדער מאַכען פון איהר אַ שטיק זאַלץ, ווי פון לוט'ס ווייב.

און לייבקע דערציילט שוין זיין חבר נאָר אַ נייע מעשה, ווי עס שטעהט בעשריבען אין חומש.

לאָייקע קוקט אויף איהם מיט צעעפענטע אויגען און מיט שרעק. און איז בעת מעשה צופרידען וואס זיין מאַמע איז ארוים פון אַ „סכנה״.

אַמאָל, פלוצים טוט לאָייקע אזאָג צו לייבקען:

— ווילסט זיין מיינער אַ ברודער?

— וואס הייסט? פערשטעהט ניט לייבקע.

— אט, לאמיר טרינקען איינער פון אַנדערען צו ביסלעך בלוט. אין איידער לייבקע בעוויזט נאך ארויסלאזען אַ געשריי, טיט לאווקע מיט איבפיינ אידם אַ קראַץ מיט אַ נאָל פון טאַטענס וואַרשטאַט די רעכטע האַנד, און אויך זיין אייגענע און ביידע לעקין מיט די צינגלאַך די בלוט־טראָפּנס.

— שווער! —זאגט לאָווקע — מיט דיין טאַטען, מיט דיין מאַמען, מיט אַלעמען, אַלעמען, אַז דו וועסט מיר זיין אַ ברודער!

איך שווער! זאָגט נאָך לייבקע,— פיהלענדיג אַ ווייטאג אין האנד און אַ פחד.

— און איך אויך,—מאַכט ערנסט לאָווקע,—אַמין!

— אמן!—זאגט איהם נאך לייבקע.

דערנאָך ווארפען זיי ארויף די שטעקענ'ס און געהען שטיל און ערנסט־ זייער וועג אין די אייגלאַך—אַ סוד. אמאל גיבען זיי ניט ווילענדיג אקיק איינער אויפ'ן אנדערען און קערען זיך צוריק אום גלייכגילטיג.

---

*) וועמען האָסטו מעהר ליב דעם מאַמען, די ברידער, אָדער גאָט!

— קוק,—זאָגט לאָזיקע צים חבר—אַ דערהרג'עטע **פייגעלע!..**

— טאַקע!

נעבען ברעג ליגט אַ פייגעלע, אפנים אַ **דערשלאָגענע פון אַ שטיין** **מיט צושפּרייטע** פליגעלאַך און אַ שטרויעלע און מויל—ווער ווייס **אפשר אַ** בעטגעוואַנד פאַר איהרע אייעלאַך.

בײדע חברים קוקען זיך אָן און עס ווערט זיי אומעדיג **פאַר דער בידנער** **פייגעלע** נעבאַך.

— **לאָזוקע,** זאָגט **לייבקע צום חבר,**— **לאָמיר** איהר **מאַכען אַ שעהנע** **לויה,** האַ?

— איך האָב טאַקע אויך געקלערט אזוי,—זאָגט **לאָזוקע** צופרידען,—**אָבער** **אַפשר** לעבט זי נאָך—זאָגט ער אַרויס זיין **השערה.**

בײדע נעמען זיי דאָס פייגעלע, מיט'ן קעפעל אַראָב, קערען זי **פון איין** **זייט אויף דער** צווייטער.

— ניין, געשטאָרבען,—זאָגט **לייבקע** אַרויס זיין זיכערקייט, **ווי אַ** **מומחה**—מען דאַרף אויסגראָבען אַ גרוב.

און זיי נעמען די **שטעקענס,** **וואָס זיינען** **ערשט** גענוועזען **פערדלאַך,** **שטעלען** אָן ווי לאָפּעטעס און טוען זיך אַריין אין'ן דער **אַרבייט,** **מיט** **גרויס חשק.**

— **מען** וועט דאַרפען **דאַווענען,**—זאָגט לייבקע, **האַלטענדיג אין דער** **רעכטער** אַרבייט **לאָזוקען געפעהלט עס זעהר.**

— איך וועל אָוועקשטעלען מיין צלם,—גיט **צו לאָזוקע,** ער **איז ווייס** **אַז** וועט בלישטשען אויף דער זון.

— גאָר אַ נס,—ווערט ברוגז לייבקע,—נאַ דיר גאָר **אַ צלם אויף אַ** כשר'ע פייגעלע, מען דאַרף ניט, מיר'ן בעסער דאַווענען.

— ניין,—צעוויינט זיך אויפ'ן קול לאָזיקע, **פאַרוואָס** ניט **דעם צלם?** **פאַרוואָס,** האַ?

— **ווייל ס'איז אַ צלם,—ענטפערט איהם לייבקע, איך לערן דאָך סדור.** **ווי אזוי** וועל איך קענען קושען **דעם סדור פערשטייסט!** איך בין **דאָך אַ יוד.**

— **לאָזוקע** שפאַרט זיך און בעט זיך נאָך:

— **טו** מיר אַ **טובה** און **לאָז** מיר **שטעלען דעם צלם.**

— **וואָס** רעדסטו,—**צעקאָכט** זיך לייבקע—איך קאָן ניט.

לאָוקע צ״מ׳ט זיך איבער און לאָזט אוים :

ווע֗סט שטאַרבען, דיין טאַטע וועט שטאַרבען , דיין מאַמע וועט שטאַרבען ! האָסט פערגעסען ? און ער בעווייזט איהם דעם ראַץ אויפ׳ן האַנד.

לייבקע ווערט פערציטערט און איז שוין באַלד מסכים, נאָר טוט זיך אַ חאַפּ מיט שרעק :

— זאָל איך בעסער שטאַרבען,-שרייט ער אוים, דעם צלם וועל איך דיר ניט לאָזען שטעלען אויף אַ כשר׳ער פויגעלע. גיב אהער די פייגעלע,- ציהט ער אוים זיין האַנד, איך וועל איינקלייגען אויפ׳ן דאַך, זאָלען די פייגעלאַך מקבר זיין!

אַנ׳אַנדערש מאָל וואָלט עס לאָוקען געפעהלען, נאָר דאָס מאָל איז אין איהם אריין אַנ׳עקשנות :

— איך וועל ניט אָבגעבען,-פערקיועטשט ער דאָס פויגעלע שטאַרקער אין האַנד.

— איך בין געזונדער פאַר דיר-טוט לייבקע אַ געשריי-איך וועל דיר נעמען אויף איין האַנד.

און איידער לאָוקע טוט זיך אַ ריהר, ליגען זיי שוין ביידע אויף דער ערד און קייקלען זיך אין זאַמד. אַ שטיקעל ציצה פון לייבקעס ארבע-כנפות איז אבגעריסען און וואַלגערט זיך אין אַזייט; נעבען איהר-בלישצעט אויף דער ערד לאָוקעס צלם. דאָס פייגעלע איז פערוואַרפען אין זאַמד ערגיץ נאָך ווייטער און זעהט זיך ניט.

ערשט, אַז זיי דערזעהען פון ווייטען, ווי עס לאָזען זיך צו זיי מיט שטעקענס די מאַמעס שטעלען זיך די חברים האַסטיג אויף, פערגעסען די גאַנצע קריג און צעלויפען זיך אין די ״לעבער״-ביז לייבקע וועט ווידער ניט אַמאָל ארויסרופען זיין חבר לאָוקען מיט אַ פייף פון שטיבּ ארוים.

חנה לעווין.

האַניעלע.

א.

מיין אָדלער.

ווי אַ אָדלער!... מיט די נעגעל
נעם צוריים מיין יונגען גוף,
און צום הימעל, צו די וואָלקענס,
טראָג מיין אָדלער מיך אַרויף.

שטעך אַריין אין מיר די נעגעל,
גיס ריבינען פון מיין בלוט!
איין שעה לעבען! איין שעה לעבען —
נאָר די שעה זאָל זיין מיט מוט...

איך און דו — מיר וועלען פליגען,
כ׳בין אַ טייב, אַ אָדלער — דו.
נו, טאָ גיב זשע מיר דיין שטאַרקייט,
און מיין ריינקייט — נעם זיך צו...

מאַך אַ שטורם מיט די פליגעל,
פון מיין ליבע — בוי אַ נעסט,
און פערצייל מיר שעהנע מעשיות,
צו דיין שטאַרקען ברוסט געפרעסט...

ועהסט — אַ שעמענדע מימאזע
איז אַריין צו אונז אין הויז
און צופלאַנצט זיך מיט די בלעטלעך
אין אַ תאוה׳דיגע רויז.

ווי אַ שטורם! בויג די בלעטלעך
ווי אַ ווינד — די רויז צושיט
ניין! איך שעם זיך ניט די רגע...
איין מאָל נור אַ פלום צובליט!...

נ׳

* *
*

קום ארוים צו מיר, מיין שענער,
ס'איז שוין נאכט, עס איז שוין נאכט!
איך בין איינע — דו ביסט איינער,
וואס מיין טרוים האט מיר געבראכט.

איך וועל זינגען „שיר־השירים"
קום צו מיר, אָ, קום צו מיר!
דאָרט ביי מיר אין „קדשי קדשים"
זינגט א ליד זיך נאָר פאַר דיר!

פון דעם הימעל קוקען שטערען,
יעדער שטערען איז אַ שיר,
און זיי מערען זיך און מערען
און בעגריסען דיך און מיר...

דו ביסט שעהן, ווי אָדלער'ס פליגען,
דיין געזיכט — א טרוימען קרוין!
אין מיין הארצען — תפילות גליהען,
קום צוגעהן — איך בין אַליין.

קום ארויס! צושיט די לאָקען
מיט אַ שמייכעל אין געזיכט,
מיט די אויגען, וועלכע טאָקען,
וועלכע שניצען פרייד און ליכט...

געה אַרוים צו מיר, מיין שענער,
ס'איז שוין נאַכט, עס איז שוין נאַכט.
איך בין איינע—דו ביסט איינער
וואס מיין טרוים האָט מיר געבראַכט.

האנצלא.

נח גאָרעליק

גליק.

אין טעג פֿון זאָרג, אין נעכט אָהן שלאָף,
אין טריבע, טונקלע פארנאַכטען,
ווען שאָטענס שטייגען אהן אַ סוף,
האָב איך זיך ליב אזוי פאַרטראכטען.

איך טראַכט: דו האָסט געזוכט, געזוכט
אַ קראַנץ פון גליק און איהם געפונען:
פֿון בעסטען בוים געניסטו פרוכט
און לעשט דיין דאָרשט פֿון ערשטען ברונען . . .

נאָר האָסט דיין דארשט נאך ניט געשטילט
און ניט צו זאט די פרוכט גענאָסען.
דיין הארץ איז נאָך מיט פיין דערפילט
און פול מיט פיינליכע פארדראָסען ...

און ווייטער טראכט איך: ווי א טויב
איז שוין דאס גליק צו דיר געקומען,
וואָס וואָרקעט, שבור׳ט, ווי א טרויב
פון וויין, און ווי דער דופט פון בלומען ...

נאָר פלוצלונג ווערסטו ווי פארבלענדט:
די טויב נעמט מיט די פליגלען פאָכען
און רייסט זיך אויס פון דיינע הענט ...
און ווידער ווערט דיין הארץ געבראָכען.

און נאך טראכט איך: עס ווערט דער בליק
סיי־ווי ניט זאט מיט קיינע קראנצען —
איז אפשר דאָס אליין אַ גליק,
וואָס ס׳איז ניטא קיין גליק אינגאנצען! ...

נח גאָרעליק

משה פּעקער.

ס'האַרץ.

(נאָוועלע.)

די ערשטע בעקאַנטשאַפט צווישען זיי—איז געווען פון ווייטען.
ווי אַ גאָט איז זי אין זיין האַרצען געוואַקסען...—
אין טרוים איז ער מיט איהר אין בלויקייט פון נעכט, איבער וועלדער, פעלדער און וואָלקענס אונטער לבנה, שטערען געפלויגען...
בייענקעניש—און טרוימען...

עס איז אַוועק אַ צייט פון אַסאַך לײדען, זיי זיינען נעהנטער געוואָרען.
דאַן זיינען זיי אויף דער וואָר, אין בלויקייט פון שטילע נעכט, אין שאָטענס פון וועלדער און שיין פון לבנה, שטערען געהילט געווען...
האַרץ צו האַרץ—האָבען זייערע ליפּען פון האַרצען די ליבע געזויגען.
איהר ווייסער צאַרטער פּנים האָט געשטראַלט אין שיין פון לבנה.
און האַרץ—צו האַרץ האָט ער אין אירע גרויסע בלויע אויגען געקוקט און ליבע און גליק האָט פון די אויגען געשטראַלט.
אַ געזאַנג האָט זיך פון זייערע ביידענ'ס הערצער געהויבען, זיך מיט'ן געזאַנג פון די נאַכטיגאַלען געטראָפען; טרערען האָבען זיך געגאָסען, געגאָסען...

אין אַ צייט אַרום איז די חתונה געווען.
זיי זיינען די גליקלאַכסטע—אין גליק פון לעבען געווען.
נאָר דער גליק פון לעבען — דער גליק פון ליבע איז לאַנג נאָך דער חתונה ניט געווען.
און אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך — איז אַ ענדערונג, אין זיין האַרץ פאָרגעקומען.
ער האָט זיך דערפילט: עלענד, אָרים, אונגליקלאַך...
גליק פון ליבע—האָט עקעל פערביטען.
ער האָט זי פיינד, פיינד געקראָגען...

זי איז אויף דער ערד ביי זיינע פיס געלעגען — געקושט, געבעטען:
וואו איז דיין ליבע, דיין הארץ, דיין נשמה?
מיט האס איז ער פון איהר אוועק — איהר מעהר ניט צו זעהען. —
— — וואנדערען וויט אין דער וועלט, וויט אין דער וועלט אריין.
וויט אין דער וועלט — האט א געפיהל פון רחמנות צו איהר אנגענומען.
און — ס'האט איהם וויט אין דער וועלט ניט געלאזט...

געשטאנען איז ער פאר'ן טיר פון איהר צימער.
אין הארצען האט האסטיג געקלאפט...
געשטאנען — ווי צו געקאוועט... ניט אהער... ניט צוריק...
ווי א פערשולדיגטער איז ער אין צימער אריין.

דאס צימער איז בעלויכטען געוועזען מיט בלוי־דונקעלע שיין, דונקעל־בלויע שאטענס האבען זיך פון טיש, ווי שטראלען איבער דער ערד געשפרייט. ער איז שטיל צום טיש צוגעגאנגען, דעם לאמפ ארויסגעדרייט. זיין צימער איז העלער, בלויער געווארען.

זי איז אויפ'ן דיוואן געלעגען. דער ווייסער פנים האט פון די הענד ארויסגעקוקט, די ווייסע פינגער צונויפגעפלאכטען איבער'ן קאפ. די לאנגע האר זיינען צווארפען געווען, ווי וואלקענס געהאנגען.
ווי צעטומעלט, פערקלעמט איז ער פאר איהר געשטאנען...
ס'הארץ האט גענאגט, געוויטאגט...

אויף די קניע, פאר זיין שלאפעדיג ווייבעל האט ער זיך געשטעלט.
געבעטען פאר איהר מחילה — ביי זיך. —
נאר פאלש איז זיין תפילה געווען —
געבעט — אהן הארץ...
אויפ'ן זים פון איהר ווייס קלייד איז ער איינגעשלאפען.

גע'חלומ'ט האט זיך איהם זייער ערשטע בעקאנטשאפט:
שטום, בלוי איז די נאכט.
וואלקענדלאך — מלאכים'לאך, די פליגלען צולאזען מאכען א וועג פאר דער לבנה.

פון גרויסע וואָלקענס אַרויס— אין קלײנע וואָלקענדלאַך אַרײַן וואַנדערט די נאַכט־מלכּה.

אַ שמאָלער טײַך . פון בײדע זײַטן—וואַלד. געזאַנג פון נאַכטיגאַלען. אין דער מיט—אַ שיפעל.

אין שיפעל—ער און זײַן געליבטע אין די אָרימס פון דער נאַכט .

— די אויגן צום הימל פעררייסן — וואו עס זײַנען וואָלקנדערלאַך מלאָכים׳לאַך געשוועבט.

איבער׳ן טײַך האָבן זיך צווײַגן געשפּרײט.—שטיל דערצעלענדיג די סודות פון דער נאַכט ...

אויף די צווײַגן זײַנען פויגעלאַך אין די נעסטן געשלאָפן.

ווי די פויגעלאַך אין די נעסטן האָבן זײ בײדע אײַנגעדרימעלט.

אַ וואַרימע האַנד האָט איהם געוועקט , זײַן קאָפּ , זײַן שטערן געגלעט.

ער האָט דערפיהלט: זי ...

ניט געוואָלט די אויגן עפענען ...

געוואָלט נאָך טרוימען ...

די אויגען האָבן זיך געעפענט:—

געזעהן—זײַן פרוי אויף דער ערד נעבן זיך:—

איהם איז אַ שרעק און ציטערניש באַפאַלן .—

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען ער האָט די אויגן געעפענט, איז ער מאַט, אויס׳ן ־יוואַן געלעגען. ס׳האָט איהם אין ציטערניש געוואָרפען .

זי איז נעבן איהם דערשראָקן געזעסן, זײַן שטערן געקושט.

ער האָט בײַ איהר געבעטן : לאָז מיך—אַליין...

אויף מאָרגען האָט ער אין האַרצען מלחמה געהאַלטען:

איך וועל דאָ... זײַן, זײַן דאָ...

ניין. אַוועק... אַוועק...

ער האָט עפּעס פערקלערט.—

נקמה און ס׳האַרצען צונעמען...

אָ, ס׳האַרץ !...

אשר פענצער .

ב. בלאך.

א.

ראמאנ'ם.

אָ קום צו מיר איצט אין מיין וועלט
וואו שווארצע בלומען דופטען דארט.
א קום צו מיר איצט אין מיין וועלט
און זאג דיין לעצטען קבר ווארט...

א, קום צו מיר, און לאז דיין בליק,
דערמאנען מיך מיין אלטען פראכט,
און לאז דיין ווארט, דיין צויבער-ווארט
פערטרייבען מיך—מיין קבר-נאכט...

א, קום צו מיר, ווען ס'איז נים שפעט,
ווען ס'צאנקט אין הארצ'ען נאך א פלאם;
נאך איין מינוט מאך העל מיין וועלט
א, קום זשע, קום!—א, נים פערזאם!...

ב.

צו מיין מוזע.

צו שפעט ביסטו, מוזע, געקומען,
עס זיינען פערוועלקט שוין די בלומען.
עס איז שוין דער זומער פערגאנגען,
נישטא שוין קיין פייגעל-געזאנגען.
צוריק קומט מיין יוגענד נים ווידער,
עס בלייבען שוין שווארץ מיינע לידער...

בורלינגטאן (אמעריקא) ב. בלאק.

געדאנקען וועגען אידישען טעאטר.

די ביטערע מערכה פון דער אידישער קינסט האט זיך מיט בעזונדערער קלארקייט ארויסגעוויזען אין דעם מזל פון דער אידישער בינע. גרויס און צאלרייך זיינען די נעמען, וועלכע מיר האבען געגעבען די בינעס פון אלע פעלקער אין דער וועלט, ס'איז אפשר גישטא קיין איינציגע גרעסערע טרופע אין אייראפא, אין וועלכער עס זאלען קיין אידען נישט אנטייל—נעמען און דאך האבען מיר ביז אויפ'ן היינטיגען טאג אל'ץ נאך נישט בעוויזען צו שאפען קיין אידישען טעאטר אין אמת'ן זין פון דעם ווארט. וואו ליגט דער סוד פון דער טרויעריגער ערשיינונג? וואו פליסט דאס פערב'שופ'טע לעבענס—וואסער וואס זאל ענדליך אריינברענגען לעבען אין דעם פערפוילטען בר-מינן פון דעם אידישען טעאטר?

שוין לאנג ציט זיך דער שטרייט איבער דער פערשאלטענער פראגע— איין צד בעשולדיגט דעם אנדערען. פון איין זייט בעשולדיגט מען דעם אידישען ארטיסט און טעאטר—דירעקטאר, וואס וייל אין קאן נישט געבען קיין בעסערע שפייז דעם פובליקום, פון דער צווייטער זייט בעשולדיגט מען דאס אידישע פובליקום, וואס איז ניט מסוגל אויפצונעמען און פערדייען קיין בעסערע שפייז אין וואס וועט אויך קיין גוטער זאך ביי גוטער אויפפירונג נישט קומען.

מען מוז ליידער מודה זיין, אזביידע צדדים זיינען גערעכט.

דער גרעסטער טייל פון די אידישע ארטיסטען זיינען אונאינטעליגענטע מענשען, וועלכע האבען נישט נאר קיין סצענישע, נאר האבען כלל קיין עלעמענטארע בילדונג נישט. דאס זיינען מייסטענטיילס געוועזענע האנדווערקער, משרתים, נייטארינס א. א. וו. וואס זיינען זעהר אפט נאר דורכ'ן שלים—מזל אין דעם אייגענטליכען בערוף זייערן, געטריבען געווארען אויף די ברעטער. און נאר דער קלענסטער טייל איז געקומען אויף דער סצענע צוליב א נ'אינערען בערוף און טאלאנט. ס'פערשטעהט זיך. אז אפילו די לעצטע קאנען ביי זייער קולטור— ניווא חוץ פורים-שפיל דער סצענע גאר נישט געבען. פון דער

אנדערער זייט געהען אלע געשולטע און געבילדעטע ארטיסטען פון אונז אוועק צו די „אומות העולם“ און דינגען אין פרעמדע „בתי מקדשים“.

פארוואס טוען זיי דאס? וויפיעל מאל איז מיר אויסגעקומען צו ריידען מיט אידיש-רוסישע ארטיסטען וועגען דער פראגע. תמיד איין טענה: דער אידישער טעאטער—בעזובער איז אין אלץ שולדיג“. א אידישער ארטיסט אפילו א געבילדעטער און אייסגעשולטער דארף ליידער אויך עסען. עס איז אטרויעריגער פאקט, נאר מען מוז זיך מיט איהם רעכענען. און שליסליך האט דער ארטיסט נאך א שוואכקייט, אז ער האט ליב צו שפילען פאר מענשען—נישט פאר ליידיגע בענק. ווען מען נעמט נאך אין רעכענונג, אז אין רוסישען טעאטער, בעזונדערס פון דער „טשערטא“, זכרינה לקללה, שפילט דער איריש—רוסישער ארטיסט פאר דיא יעניגע „אחינו בני ישראל“, וועלכע וועלען אויף דערזעלבער זאך אין אידישען טעאטער נים קומען, מוז מען אננעהמען דאס מייל פיל וואסער, חאטש עס ווילט זיך שיטען פעך און שוועבעל אויף דעם ארטיסט.

וואו זשע איז פארט דער ארויס גאנג פין דעם פערכשופטען קרייז?

די רוסישע רעוואליוציע, וועלכע האט מיט איינמאל איבערגעקעהרט גאנץ רוסלאנד, האט אויך פאר דער אידישער קונסט בכלל פון פאר דער אידישער ביהנע בפרט געעפענט נייע מעגליכקייטען. פאר א פרייען ארגאניזירטע ווילען פון א פאלק, וואס האט אויף זיך נישט מעהר קיין פאליטישע קייטען זיינען פארהאן אונבעגרענצטע מעגליכקייטען. אפילו אזא אוטאפיע ווי א אידישער טעאטער אהן „דאס פינטעלע יוד“ און דעם גאנצען פורים שפיל אפילו א ריינער דראמאטישער טעאטער אהן אנ'אפערעטע איגגאנצען, איז אויך מעגליך. אבער נאר דאן, ווען אונזער ווילען צו אנ'אמת'ן אידישען טעאטר וועט זיין נים נאר א פלאטאנישער, ווען דער ווילען יועט זיין אזוי שטארק, אז ער וועט קאנען אריר טאן אונזער אלטעגליכע טעטיגקייט און הויפטזעכליך אונזער פארטמאנע. וויפיל האט מען שוין נים געזידעלט דעם אידישען ארטיסט און טעאטער—דירעקטאר. ער האט עס אפילו כשר פערדינט, נאר מען מוז דאך שליסליך מודה זיין, אז דאס איז א גאנץ אונניצליכע בעשעשעפטיגונג, וורייל מיר זעהען דאך בעשיינפערליך, אז די שארפסטע קריטיק האט. בערך קיין שום רעזולטאטען נישט געבראכט אין דער יודישער טעאטר איז נאך אלץ פארבליבען אויף זיין פריהערדיגער מדרגה. מיט קיין קריטיק דאס הייסט מיט ווערטער, אליין, וועט מען אונזער טעאטר נים קענען געזונט

מאכען. טהאטען דארף מען און נאר אויף טהאטען ווארט די יודישע בינע.

מיר דארפען שאפען אזא לאגע, אז פון א שענער בינע זאל מען קענען וועניגסטענס לעבען. מען דארף דערגרייכען, אז דאס שטעלען פון א גוטער זאך אין א גוטען אופן זאל נישט זיין קיין אפפער פאר'ן יודישען ארטיסט: אז א יודישע ארטיסטען — טרופע, וואס שפילט נים „מלכה'לע — סאלדאט" זאל קיין מערטירער — טרופע נישט זיין.

ביי די איצטיגע נייע בעדינגונגען איז דאס ניט גאר מעגליך. דא עפענט זיך א ברייט און דאנקבאר ארבייטס — פעלד פאר דער יודישער געזעלשאפטליכקייט.

אין יעדער שטאט וואו ס'איז דא א אידישע טרופע דארף געבילדעט ווערען א טעאטער — געזעלשאפט. א „פריין — פעריין" צו א „הזמיר", דער נאמען איז ניט וויכטיג, און דער פעריין דארף האבען אקאנטאקט מיט דער טרופע, די געזעלשאפט דארף דער טרופע פערזיכערן מיט א פובליקום ד. ה. הערגען פערשפרייטען בילעטען און אגיטירען פארן טעאטער און האבען דער פאר אקאנטראל איבערן רעפערטואר און דער אויס פיהרונג, קיין איין טרופע וועט זיך פון אזא הילף נישט אבזאגען און דער שונד יועט ממילא אויפהערען. אין, פאל אז די טרופע וויל זיך בשום אופן מיט'ן פעראיין נישט רעכענען, דארף דער פעראיין ארגאניזירן א בויקאט פון דער טרופע. עס דארף געגרינדעט ווערען וועניגסטענס איין דראמאטישע שול אין רוסלאנד אדער וועניגסטענס א דראמאטישע סטודיע. די יעניגע טרופע, ואס ווייזט ארויס אחשק צו שאפען א מאדערנע אידישע בינע און קאן נישט אויסהאלטען צוליב דער גלייכגילטיגקייט פון פובליקום, דארף בעקומען סובסידיע עס דארף געגרינדעט ווערען א צענטראלע רעפערטואר-ביבלאטעק וואו יעדע טרופע זאל שטענדיג קאנען בעקומען די פיעסע, וועלכע איז איר נויטיג, אויסער שונד-זאכען. עס דארפען בעשטימט ווערען פרעמיעס פאר סצענישע, דראמאטישע ווערק און פאר גוטע איבערזעצונגען.

דאס אלץ קאנען קיין פריוואטע מעצענאטען אליין נישט אויספיהרען — דאס דארף נעמען אויף זיך די גאנצע אידישע געזעלשאפט אליין. נאך דער ארגאניזירונג פון די קהלות, דארף די טעאטער-פראגע פערנעמען אין זיי איינעם פון די חשוב'סטע ערטער.

מען דארף איינמאל פאר אלע מאל פערשטעהן, אז בלויז פערלאנגענדי[ג]

פון דעם ארטיסט אין איהם גאר נישט געבענדיג, וועלען מיר זיך שטענדיג דרעהען ווי א וועווערקע אין איהר רעדעל און מיר וועלען זיך פון ארט נישט רירען. נאר ווען דער אידישער טעאטר וועט זיין נישט נאר א פריוואטע-זאך פונ'ם אנטרעפעניאר און אפילו פון א קאאפעראטיווער ארטיסטען—טרופע, נאר ווען דער טעאטר וועט תמיד האבען אויף זיך דאס אויפמערקזאמע אויג און העלפענדע האנט פון דער געזעלשאפט, נאר דאן וועט די אויפלעבונג פונ'ם אידישען טעאטר זיין נישט נאר א שענער חלום.

לינצ׳אוס.

ז. מאן

אברהם רייזין

(צו זיין 25 יאריגען יובילאום)

25 יאהר זיינען געווארען זינט אויף דער אידישער גאס זינגט דער דיכטער פון „עלענד און נויט" אברהם רייזען. זיין יובילעאום איז צונויפגעפאלען אין א שווערע צייט, אין דער צייט פון רעאקציע, ווען אויף אידיש איז געלעגען א שלאס, און עס איז, דעריבער ניט געווען קיין מעגליכקייט אבצושאצען אין אונזער ליטעראטור די פערדינסטען פון רייזענ'ס מוזע, אויך ניט דא איז דער ארט אויף דעם. מיר וועלען זיך נאר אין קורצען אבשטעלען אויף איין זייט פון רייזענס פערדינסטען: זיין ליטעראריישער קאמפף פאר אידיש.

ווען רייזענ'ס מוזע האט געמאכט די התחלה אין אידיש, איז נאך דאן ניט געווען פאר אונז די אידישע ליטעראטור אין איהר איצטיגעם געשטאלט. אויף דער אידישער גאס האבען זיך נאך אומגעוואלגערט די שערבלאך פון דער „השכלה—ירושה", ווען יעדע ערשינענע זאך אין אידיש איז געווען א „סם—המות" פאר'ן משכיליזים.

שרייבען אידיש און נאך זינגען אין אידיש האט מען זיך געמוזט אנטון א כח—רייזין האט זיך עס אנגעטאן. ער איז געווארען דער „זינגער פון דער ליטא" און אין דער צייט ווען אנדערע אידיש-שרייבער האבען זיך צו אידיש

בעציִיגען מיט א גרינגשעצונג איז רייזינס יעדע שורה געווען דורכגעווייקט מיט ליבע צו דער שפראך, מיט פיאנע־ען—ליבע.

ניט קוקנדיג אבער אויף דעם האט א גרויסער טייל פון אונזער בעוואוסטזיניגער אינטעליגענץ בעגאנגען א זינד בנוגע איהר פאלקס־דיכטער. פאר איהר איז ער געווען צו פרימיטיוו, זיין ליד־בלאס, זיין נאוועלע—אָרים. אפילו אונזער קריטיק, האט זיך ניט ווי געהעריג אבגעגעבען מיט רייזען׳ס מוזע...

און דאך—רייזינס ליבע צו אידיש איז געווען אונבעגרענעצט. וואו ער זאל ניט זיין געוועזען (און וואו איז דען ניט א אידישער משורר?) האט ער עפעס געשאפען אויפ׳ן ליטערארישען געביט: אין פאריז, לאנדאן, נויארק, ניט ריידענדיג שוין אין ליטא, פוילען און גאליציען, זיינען אונטער זיין רעדאקציע ארויסגעגעבען געווארען פערשידענע ליטערארישע וואכען־שריפטען, זאמלונגען א. א. וו.

ווי א פריהלינג׳ס רעגען אויף א יונג פעלד האט רייזין אומעטום פערוואָרפען קערענדליך—די פרוכט פון זיין פיאנערען—ליבע צו אידיש.

פייערענדיג זיין 25 יאריגען יובילעאום דארפין מיר עס געדענקען און דערמאנען.

25 יאר זיין ביי אידען א א י ד י ש ע ר שרייבער. אך, דאס איז ניט פון די קלייניקייטען. דאס איז דאך ניט ביי די „אומות העולם“ וועלכע פאר זייערע שרייבער קויפט מען „ווילעס“, בויט מען פאלאצען, ביי אונז איז מען צופרידען, ווען ער האט „ברויט מיט׳ן לעפעל“ ...

און מיר, זייענדיג איצט ווייט פון אים, שיקען מיר אים אונזער הייסטען און טיפסטען וואונש, נאך פיל יאהר צושאפען, און גאר אין גיכען זאלען מיר אים ווידער זעהן אין רוסלאנד. אין זיין אלטער היים וועלכע ער האט מיט אזוי פיל ליבע בעזונגען. ביי א אויפגעלעבטע שעהנע און בליהענדע ליטעראטור, ביי דער פערווירקליכונג פון זיין שענסטען חלום־א אידיש־נאציאנאלע ליטעראטור אויף אידיש.

ג. אזון.



אגרום פון אמעריקא.

(ביבליאגראפיע)

א) די **צוקונפט**, אחודש'ליכער זשורנאל יולי 1917 ניויארק, אמעריקא.

ב) **מילער'ס וואכענבלאט**, אוואכענשריפט יולי 1917

אין דעם יולי נומער „צוקונפט" וועלכער ליגט פאר אונז בריינגט אוואַרימען גרוס פון יענער זייט ים מיט וועלכע כמעט גאנצע דריי יאהר מיר זענען געווען אבגעריסען.

אין די ארטיקלען וועלכע געפינען זיך אין דעם נומער פילט זיך אשטארקער אבקלאנג פון רוסלאנד אין זיינע לעצטע איבערלעבונגען אזוי איז דארט פאראן אנ'ארטיקעל פון דעם בעקאנטען אמעריקאנישען שרייבער ב. פייגענבוים „די רוסישע רעוואלוציאן אין די סטאקהאלמער קאנפערענץ" וואו ער זאגט ארויס זיין פעסטע איבערצייגונג און הייסען וואונש אז דעם שלום האבן מיר נאר צו ערווארטען פון סטאקהאלם אין ער וועט געשלאסען ווערען דורך דער פעלקער דעמאקראטיע און ניט פון א הייפעל דיפלאמאטען. א צווייטער ארטיקל פון י. פיראזשניקאוו בעהאנדעלט אויך ארוסישע טעמא „די נייע רוסישע הימנע" וואו אלעס מוזיקאלישער קריטיקער שטעלט ער זיך אפ אויף דעם אלטען צארישען הימן „באזשע צאריא חראני" און דעם נייעם וועלכער הייסט „הימן סוואבאדני ראסייא" טעקסט פערפאסט פון באוואוסטען רוסישען פאעט באלמאנט, בעהאנדעלט וויא די טעקסטען אזוי אויך די מוזיקאלישע זייט פון ביידע הימנעס. מיר וועלן איבערהיפען די ארטיקלען וועלכע האבן אגעוויסען אינטערעס מעהר פאר דעם אמעריקאנער לעזער וויא ראגאפ'ס ווענען „ווילסאן און די שפייזפראגע", ליעסינס „ציוניסטען און יהודים" וואו אויך ניט ווילאנדיג רירט ער אן די רוסישע רעוואלוציע, ד"ר י. גרינפעלד'ס „די פרעזידענטען מאכט אין פערשידענע רעספובליקאנישע לענדער" און מיר וועלען איבערגעהן צו דעם סאמע אינטערעסאנטען טייל—צו דעם בעלעטריסטישען

דוד פינסקי איז פערטראטען מיט דעם 4-טען אקט פון זיינער אנייער דראמע, „יעדער מיט זיין גאט" וועלכע שיינט צו זיין א שען-רעאליסטישע זאך, זעהר סצעניש. נאר ניט האבענדיג פארלייפיג די ערשטע 3 אקטען קענען

מיר ליידער וועגען איר ברייטער ניט ריידען.

נאָכדעם גיט דער יונגער קרעפטיגער טאַלאַנט א. ראַבאַי מיט אַ דערצעהלונג. „דער פאטער ווייס ניט"...

אין זיין פסיכאָלאָגישע נאָוועלע פילט זיך דאָס געזונטע לעבען פון מוסקוליסטע אַמעריקאַנישע יוגענד, די גאַנצקייט און שטאַרקייט פון גוף פון נשמה אין די פרייקייט און ענדלאָזיקייט ווי פון די אינדיאַנישע מדבריות.

מר' ווייַנבוים איינער פון די העלדען פון דער ערצעהלונג — דאָס איז דער נייער געזונטער טיפ אין דער אידישער ליטעראַטור וועלכער

„איפשטעהענדיג יעדען פריה מאָרגען געהט ער צוערשט אַריין אין שטאַל וואו די בהמות שטעהען און גיט צו זיי אַנגעשריי:

„ — גוט מאָרגען.

„עס ווערט צווישען די בהמות אַגערודער זיי הויבען זיך אויף פון „זייערע אָנגעבעטע וואַריבע ערטער, טרייסלען און דרעהען מיט זייערע „קעפ נאָך מר' ווייַנבליום'ס בעוועגונגען, ער טיילט זיי איין צו בינטליך „היי, בעטראַכט אַלעמען בעזונדער.

„ — געזונד, דאַנקען גאָט!

אָט אַזוי, מיט אַ עפּישען טאָן דערצעהלט ער איינך ווי עס לעבט און טראַכט דער נייער איד דער געזונטער פרייער איד.

עס איז ווערט צו בעגריסען דעם יונגען י. קיסען וועלכער איז פער־טראַטען מיט ניט קיין גרויסע אָבער זייער שעהנע פאָעמא „אַליטווישע לעגענדע" וואו אין אַשטילען ליבען טאָן מיט די פערשידענפאַרבינקייט פון אַ לאַנגפאַלא זינגט ער די לעגענדע פון יונגען ליטווין יאַנעק וועלכער ביי די ברעגעס פון „אַלטען זיידען ניעמאַן", ביי זיינע אוראַלטע פעלדער און וועלדער געהט ער זוכען די אַרימע גומאַי *) וואו ער געפינט זיין געליבטע אַליטאַ.

וואָס איר שענקייט האָט קיין גלייכען
אין גאַנצען לאַנד פון ליטא...

איבערהויפט איז פריידזאַם כאַראַקטעריסטיש דער נייער טאָן, אָדער בעסער געזאָגט דער אַלט-מיטהאָלאָגיש - ליטווישער טאָן מיט וועלכע ס' איז

*) גומאַי — אַ אָרים ליטוויש פויער היזעל.

אָנגעזאַפּט די גאַנצע לעגענדע פון אָנהייב ביז'ן סוף.

נפתלי גראָס — קענטיג איך אקינד פון דער יונגער משפּחה זינגט האַלצמאַנ'ס זאַנדישע זאַנג „אַיסינאַרא״ וואו אין אַזעלטען-רייכער שפּראַך איז איבערגעגעבען דער געהיימניספולער געשפּרעך צווישען שפּאַרבער און קעניג.

מיט פרייד און ענטציקונג לעזט זיך די זאכן פון די דערמאָנטע יונגע דיכטער, דען זייערע זאַכן ווייזען אונז ווי עלאסטיש און וויפיל בעהאַלטענע אונשעפּבאַרע אוצרות עס פערמאָגט אונזער אידיש.

און עס איז ניטאָ קיין בעסערער בישת פּנים פאר די פאַנאַטישע העבּרעאיסטען פון „עברית און רוסית״ סיסטעם, ווי איבער צו לייענען די פּאָר זאכן וועלכע צופעליג איז מיר צו האַנד געקומען און מיט וועלכע צענדליגער אַזוינע זאַכען עס איז פאר דער לעצטער צייט בעריכט געוואָרען די אידישע ליטערטור אין אמעריקא. און זאָלן זיי זעהן וואָס פאר אקראַפט און לעבען עס פערמאָגט דער פון זיי פערהאסטער אידיש.

נאר ניט גלייך זיינען די קינדער ביי יעדער מאַמען און אפשיטא שוין ביי די אלטע גוטע מומע—אמעריקא.

„מילער'ס וואכענבלאט״ וועלכער גאב'ן „צוקונפט״ קענען מיר און א „להבדיל״ גאר ניט צוגעהן מאכט שוין ביי די ערשטע זייטעל איהר אבשטויסענדיגען איינדרוק. אויב מען זאגט אז אין אמעריקא איז די ליטעראַטור אגעלע; איז „מילער'ס וואכענבלאט״ ווייזט אויס דאס „געלע שב'געלע״.

הויבט איר נאר אן לייענען עפּיס, דאן גיט אייך גלייך אשלאָג אין פּנים די אמעריקאנער גאס, מיט איהרע „ביזנעס״, לייענט איהר דעם ערשטען רעדאקציאנעלען ארטיקעל וואו מען שווארצט איינער דעם אנדערען אייפ'ן אמעריקאנישען אופן דעם פנים דאן ווארפט איהר מיט עקעל אוועק דעם בלעטעל וועלכע צום בעדויערען ווערט ער פיל פערשפּרייט אין אמעריקא, דאס איז קאנטיג נאך די פיל מודעות וואָס ס'איז אנגעפּאקט פאר'ן טעקסט, אין טעקסט און נאכ'ן טעקסט, און ווידער נעם איך אין האנד די „צוקונפט״ און טראכט; אונזער צוקונפט איז ניט אין אזוינע בלעטער ווי א מילער'ס און וואס אנדערע אמעריקאנער „ביזנעס לייט״ טראגען אונז צו; נאר אין די „צוקונפט״... *).

קריטיקוס

*) צוליב מאנגעל אין אָרט האָב איך ניט דערמאָנט די אויסגעצייכענטע פאבולין פון נחום ירושלימטשיק, די ליריש—מוזיקאלישע לידער פון ה' לייוויק און איניגע ערצעהלונגען פון נייע, אונבעקאנטע נעמען.—
ק—ס.

ביבליאגראפישע נאטיצען.

א.

„אונטערוועג׳ס״. ליטעראַרישעס זאמעלבוך. אדעס תרע״ז.

ווי צוגעפּאסט דער נאָמען!...

איז דאָס ניט אַסימוואָל? ווען זיינען מיר דען געווען רוהיג אין אינזער היים? ווען האָט דען דער אידישער שרייבער ניט געוואַנדערט? די אידישע ליטעראַטור איז דאָך שטענדיג אונטערוועג׳ס נאָך צו דער פערפאלקאָמענהייט ניט געקומען זי האַלט דאָך נאָך אין ווערען.

אונטערוועגס איז מען מיד, פערשטויבט..

עס קאליר פון שטויב האָט אויך דאָס פּאָדער־לאַט, איינעווייניג, אָבער פיהלט זיך ניט קיין מידיגקייט—נאָר לעבען

אונטערוועג׳ס—ווערט מען נאָהנט — ניטאָ קיין „יחוס״. בעגעגענט איהר מאַקע אין איין „בויד״ אַלט און יונג אויף גלייכע ערטער: ר מענדעל׳ן — דעם ויידען און אַ גריגב״אַט אַ עפּעלבוים, אַ מרדכי יאַפּה און א אַ לוריא—די אינגסטע „אוראייניק״אַך״

מען שלעפּט זיך ניט קיין קליינינקייט—אַ גאַנץ יאָהר, איז טאַקע דער וועג אַ שווערער. דעם ערשטען אַרויספאָר מאַכט מענדעלי־ין חזקה אויף אַ פירפיטיגע בעשעפעניש, וואָס שלעפּט אַ בויד. מיט איהם איז אויך ניט אומעדיג אין בויד, פערקערט—איהר קוועלט, קלייבט נחת און פערגעסט, בעת מעשה, אַז איהר זייט ניט אין דער היים—נאָר אונטערוועג׳ס

אונטערוועג׳ס זיינען אבער אסך פון אונז געבליבען ניט דערפאַרען, צווישען זיי: פרוג, יהודה שטיינבערג. נאר אַ ירושה איז געבליבען פון זיי—„טרויער און טרייסט״ און „אַ פער׳יתום׳ט לעבען״. נאר גוט כאָטש וואָס „טרויער״ איז אינאיינעם מיט „טרייסט״.

פאַרביי האָפט מען זיך אראָב דערקווי־קען דאָס האַרץ מיט אַ גלעזיל טיי (ד. פריכמאַן עולם איז דאָ—שמועסט מען וועגען... קונסט. און דערצו—„וועגען קונסט צוליב קונסט״. קוקט ניט, וואס ס׳איז אַ סאַלאָן־שמועס, אפשר אונ־טערוועג׳ס איז אַלם—אויפ׳ן צונג. בפרט, אַז די גאַנצע קונסט בעשטעהט סך הכל אין אַ... אויוועך.

ווען איז מען אונטערוועג׳ס? פער־שטעהט זיך „אין דער וואָכען״. שבת—איז מען אידען, נאָר „דער וועג איז אַזא זאַך, וואס מען קען קיינמאָל אויף פריהער ניט אויסרעכענען. מען קען קיינמאל ניט וויסען ווען גאָט וועט ברייגגען אַהיים״ (מ. ספעקטאָר, „קבלת־שבת״). בפרט אז ס׳קומט אמאָל אויס אַ־אָבקריכען פון וואָגען, געבען טריט ביי טריט. ווי געזאָגט אונ־טערוועג׳ס איז בעסער אין דער וואָכען און

טפּעקטאָר'ס קבלת־שבת איז טאַקע אַ וואָכעדיגער.

פון וואָס זינגט זיך אַ שטייגער אונ־טערוועג'ס, אַז ס'פערבינקט זיך ?, „פון שטילען אייגענדווינד", פון „וואַלד־רויז", פון „האָרן". פערשטעהט זיך אַז אַ איינפאַכער בשר ודם זינגט ניט אונטערוועג'ס פון אויגנע זאַכען, זינגט עס דער דיכטער—יעקב פיכמאן.

און אַז דער וועג איז לאַנג האָלט מען זיך אין איין דערציילען מעשיות. און „אַ מעשה פון בעל שם הקדוש" איז אונטערוועג'ס אַ גע־וועהנליכע זאַך, אַ זאַך „כדרך הטבע". און נתפעל צו ווערען פון מעשיות אונטערוועג'ס איז אויך כדרך הטבע האָטש אנסקי'ס חסיד וויל שטאַרק ניט ליידען. און פון אנסקי'ס „חסידישע מעשה" איז פאַרהאַן וואָס „התפעלות" צו האָבען, נאָר עס דערמאַנט אַזוי .. י. ל. פּרעצ'ן.

ביאַליק'ס „ענטשולדיגונג" איז גאַנץ אָרי־גינעל. טאַמעטנטעגזווין—פּסיכאָלאָגיש. און אַל־געמיין אָבער האָט עס מעהר ניט אַזוי'רט, וואָס אַ יבען שטייט: ביאַליק.

שעהן איז אויך סעגאַלאָוויטש'עס ער־שטער ליד „בײַ נאַכט". ניט שלעכט—די איבריגע.

עפּעלבוים האָלט אויך אין דערציילען אַ „מעשה" אַ חסידישע. מען שמועסט אין לי־טעראַרישע קרייזען, אַז עפּעלבוים, אַשטייגער, פּרעצ'ט זיך. עס איז, ניט אינגאַנצען ריכטיג. די טעמע'ס זיינען אפשר פּרעצ'עס, אַ טעמע איז

אָבער אייביג אונערשעפּליך. די פאָרם אָבער איז אינגאַנצען אַ עפּעלבוים'שע.

טיקאָצקי'ס ליד וואָלט מעהר בעשיינט אַ צייטונג־אידער אַ זאַמעלבוך.

גרינבלאַט'ס „בעגעגעניש" — מאַכט אַגאַנץ סימפּאַטישען איינדרוק ערטער וויז דערמאַנט עס דעם „האַמסון — בערגעלסאָנישען סטיל, עס לייענט זיך מיט אַגעוויסע שפּאַנונג און שאַפט אַ ווייכע שטימונג.

אַ זינג־פויגעל פערשאַפט אונטערוועג'ס פערגעניגען. פּרוג'ס „זינג־פויגעל"—אודאי. בפרט, אַז דאָס איז אונז, ווי אַ ירושה.

שאַפּיר'ס ערצעהלונג איז קורץ און גו

ש. פענ'ס ספור המעשה איז אפילו גאַנץ אינטערעסאַנט, נאָר פאַר אַ ליטעראַרישע, זאַמעלבוך—ניט ליטעראַריש.

שוואַך־יאַפע'ס לידעל. בעסער לוריא' שטיינמאַנ'ס—פון די געוועהנליכע זאַכען, ווי זיינען אלעמאָל דרוק־פעהיג.

איבריגע זיינען די אַרטיקלען, קליינמאַנ'ס און ראַווניצקי'ס. אַנשטאָט זיי וואָלטען מעהר געפּאַסט אַרטיקלען ליטעראַריש־קינסטלערישע.

נאָר—„ס'איז דאָך געבווירען אונטער־וועג'ס", רעדט מען פון אַלס, איז „דער קומענ־דיגער יוד"־אויך אַ טעמאַ. און „צו בין איך אַ יודישיסט?" אויך אַ צייט־פערטרייב.

ב.

„שיחה־חולין", איינע פון די געשיכטען. דערציילט: משה בראָדערזאָן; געצייכענט אליעזר ליסיצקי. פערלאַג: „שמיר" מאָסקווע.

„איינע פון די געשיכטען", וואָס האָט בלומר'שט „פּאַסירט" אין פּראָג, ווער ווייס אין וויפילטען יאָהר הונדערט. געדרוקט מיט גע'כתבה'טע מגילה־אותיות און בעאַרבייט און פערזען פון יונגען דיכטער משה בראָדערזאָן,—לייענט זיך לייכט. אַנ'אינטערעסאַנטע ניט־אַלטעדיגע, אפשר פרעהליכע ספור המעשה פון

„שדים און רוחות"—אַ פּרי פון דער אידישער פאָלק'סטימליכער שאַפונגס־פאַנטאַזיע. געלונגען בעאַרבייט אין קלינגענדע פערזען.

די אויסגאַבע האָט אַ הויך־קינסטלערישען בעדייטונג. דאָס וואָס דער פערלאַג „לעבען" האָט אַרויסגעגעבען איז גור אַ בילינערע אויסגאַבע

פון דער גראַפישער אָרגאַניזאַציע· וואָס עס האָט נאָך פריהער אַרויסגעגעבן דער מאָסקווער „קרייזעל פאַר יודישער נאַציאָנאַלער עסטעטיק״ אונטער'ן נאָמען „שמיר״ (דער גרינדער פון „שמיר״ איז דער מאָסקווער נ עצענאַט ד· מ· שאַפּשיי) האָט אַרויסגעגעבן קענען נור געניסען „יחידים״· סך הכל אין הונדערט מיט צעדן עקזעמפּלאַרען (צו הונדערט און צו פופצען רובל פון א עקזעמפּל·)

נאָר שוין אויך די איינפאַכערע אויסגאַבע פון פערלאַג „לעבען״· פערהאַפּט און פעראינטערעסירט דאָס אויג פון עסטעטישען בעטראַכטער און פערשאַפט פערגעניגען דעם אמת'ן מבין· ליסיצקי האָט א פינזעל פאַר דער יודישער היסטאָרישער רעליגיעזער עקזאָטיק; די ליניען און צייכנונגען מאַכען א טיפען איינדרוק און דיין מאַלעריי שאַפט גאַנץ לייכט א פאָרשטעלונג וועגען דער יודישער נאַציאָנאַלער אייגענאַרטיגקייט; זיינע שטריכען האָט נור געקאָנט אויסטראַכטען א יודישער מח· זיי ציהען זייער יניקה פון דעם יודישען אינעווייניגער שעפּלעכען נאַציאָנאַלען פאָלקס־טראַכטען· זיין שטריך — דאָס איז דער סימוואָל פון דעם יודישען געקנייטשטען שטערען·

עס איז כדאי דער יודישער לעזער און קונסט־עסטעטיקער זאָלען זיך א ביסעל נעהנטער בעקענען מיט דער דאָזיגער אַרבייט·

אַרויסגעגעבען אין „שיחת־חולין״ אין אָפּאַנישען סטיל·

בלייפעדער·

ג·

ק· זינגמאַן בײַ די ברעגעס פון ניעמאַן· פערלאַג „איזייש״ פרייז 75 קאָפּ.

דאָס קליין ביכעלע לידער וואָס דער פערלאַג „יודיש״ האָט אונז צוגעטראָגען אונטער דעם סימפּאַטיש־פילצוזאָגענדען נאָמען „בײַ די ברעגעס פון ניעמאַן״ האָבען מיר דעם אמת זאָגענדיג מיט גרויס נייגעריגקייט אין האַנד גענומען·

א קלייניגקייט דאָס ערשטע ביכעל אין יודיש (עס איז ערשינען ביים אנהויב רעוואָלוציע) נאָך א דריי יאָריגען הונגער? דאָס איז דאָך כמעט ווי דאָס ערשטע בלאַט וואָס נח האָט דערזען נאָכ'ן מבול··· נאָר איבערלייענדיג דאָס ביכעל פון יונגען דיכטער פילען מיר עפּעס אַזוי ווי דאָס לידער זאַמלונג איז צוזאַמענגעשטעלט „בהפזון״ היילענדיג געכאַפּט פון יעדען ווינקעל „א ברעקעל״ — דאָס ביכעל און דער זשאַנער וואָלטען פיל געוואונען ווען אַנשטאָט דריי אָבטיילונגען וואָלט געווען נור איינע· און זאָל טאַקע הייסען „בײַ די ברעגעס פון ניעמאַן״· גאַנץ איבעריג איז די אָבטיילונג פון „שאַנד און וועהטאָג״ די לידער זענען שוואַך און בלאַס· זאָגאַר קרענקליך־בלאַס· קענטיג צו פרי נאָך· אָדער זיין ליבע איז צו שוואַך אויף אויסצודריקען אַזוינע שטאַרקע מאָטיווען ווי צער און צאַר'ן···

פיל בעסער גיט זיך אים איין די לידער וואו עס איז אויסגעדריקט די „בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים״ פון וואַנען ער איז אַרויסגעטריבען געוואָרען· אַזוי איז גאַנץ מוזיקאַליש און דורכגעפילט דאָס ליד „עלעגיע״ (זייטע 18) פאָלקסטימליך „אין א שטעדטיל פון דער ליטא״ (זייטע 19) „ערינערונגען״ (זייטע 23) דאָס בעסטע פון דעם ציקעל איז „צוריק אהיים״ (זייטע 24)· פיל שטאַרקער און בולט'ער ווייזט ער זיך אַרויס אין „אַפּרילינג אין דער ליטא״· (זייטע 9) דער פראַגמענט צוזאַמען מיט די קאַפּיטלען אונטער דעם נאָמען „מאָטעל״ וועלכע זענען אויפצוגען· ווי דער אויטאָר זאָגט אונז· „פון א גרויסער פּאָעמאַ״ מאַכען דעם בעסטען איינדרוק· אין זיי מערקט זיך אַז בײַ א געוויסער אַרבייט איבער זיך קען מען מיט דער צייט האָפען אויף עפּעס פון אים·

דער אויטאָר שטעלט אויפ'ן שערבלאַט דאָס „ערשטע ביכעל״· קענטיג· ער האָט נאָך בדעה אונז נאָך עפּעס צוטראָגען פון „די ברעגעס פון ניעמאַן״ — מיר וואַרטען· און האָפען אַז אין די ווייטער'דיגע לידער זיינע וועט ער זעהן צו פאַרשטאַרקען אונזער אַרויסגעזאָגטע מיינונג· מיר מוזען נאָך באַמערקען דעם פערלאַג אויף די הילע פון קינסטלערישען שטאַנדפּונקט מאַכט זי אַן אַבשטויסענדיגען איינדרוק· איידער אַזאַ הילע· א מעדעל מיט א פּאַקעל״ איז בעסער גאָר אָן „קונצען״ — אויב שוין יע אַנגעצייכענטע הילע איז פון א קינסטלער· און ניט אַזוינע וואָס זענען ווייט פון קונסט ווי הימעל פון דער ערד·

א: ש־ס·